LIT 5506

**MORRIS ROZENFELD**

**(1862-1923)**




[also: Morris Rosenfeld, Moyshe-Yankev-Alter Rozenfeld]

Born in the village Boshka, Suvalk district, Jewish Lithuania, then in Russia close to the German border. His father was a tailor for the Russian army. Lived in Suvalk, studied in heder. After his marriage, lived with his in-laws and studied Talmud. Also learned German, Polish, read modern Hebrew literature and Yiddish poetry. From the age of 15, he wrote Yiddish poems. In 1882 visited America, returned to his parents who had moved to London, where he worked as a tailor, lived in dire poverty, and was drawn to the anarchists. In 1886, settled in America, worked in New York tailor shops as a handworker and then as a presser. Began publishing socialist propaganda poetry that found an admiring audience among the Jewish workers. His poems were sung in shops and at assemblies. From working as a presser, he became ill; tried to earn a living by singing his songs and selling his books. After his third book, 1897, he became famous. In 1898, Leo Wiener, Professor of Slavic literature at Harvard, translated a book of his poems, Songs from the Ghetto, into English. Translations into other languages followed, including a book in German with Berthold Feivel's translations and Lilien's illustrations and in English: Songs of Labor and Other Poems, translated by Rose Pastor Stokes and Helena Frank. Rozenfeld got a position as a journalist. In 1905 his only son died at the age of fifteen and Rozenfeld was paralyzed in half his body. His collected works were published in New York in six volumes, 1908-1910. In 1913 he was forced out of the Forverts and eventually became isolated from the new world of literature. His poems and collected writings were published in many editions in the US and in Europe and several of his poems were set to music and gained wide popularity. Rozenfeld was received in Yiddish criticism as one of the fathers of Yiddish "Proletarian" poetry, but he also wrote many national and Zionist poems, as well as personal lyrics of love and nature, and satirical verse on the human condition and the Jewish scene.




# די סוועט שאפ

עס רוישען אין שאפ אזויווילד דיא מאשינען,
אז אפטמאהל פערגעס איך אין רויש דאס איך בין;—
איך ווער אין דעם שרעקליכען טומעל פערלארען,
מיין איך ווערט דארט בטל, איך ווער א מאשין:
איך ארבייט און ארבייט, און ארבייט אהן חשבון,
עס שאפט זיך, און שאפט זיך, און שאפט זיך אהן צאהל:
פיר וואס? און פיר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט,—
וויא קומט א מאשינע צו דיינקען א מאהל?

גישטא קיין געפיהל, קיין געדאנק, קיין פערשטאנד גאר; —
דיא ביטערע, בלוטיגע ארבייט דערשלאגט
דאס עדעלסטע, שעהנסטע און בעסטע, דאס רייכסטע,
דאס טיעפסטע, דאס העכסטע וואס לעבען פערמאגט.
עס שווינדען סעקונדען, מינוטען און שטונדען,
גאר זעגעל־שנעל פליהען דיא נעכט מיט דיא טעג; —
איך טרייב דיא מאשין גלייך איך וויל זיי דעריאגען, —
איך יאג אהן א שכל, איך יאג אהן א ברעג.

דער זייגער אין ווארקשאפ, ער רוהט ניט אפילו,
ער ווייזט אלץ און קלאפט אלץ און וועקט נאכאנאנד;—
געזאגט האט א מענש מיר אמאהל דיא בעדייטונג:
זיין ווייזען און וועקען, דארט ליעגט א פערשטאנד;
נאר עטוואס געדיינקט זיך מיר, פונקט וויא פון חלום; —
דער זייגער, ער וועקט אין מיר לעבען און זינן,
און נאך עפעס, — איך האב פערגעסען, — ניט פרעגט עם!
איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך בין א מאשין!......

און צייטענווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פערשטעה איך גאנץ אנדערש זיין ווייזען, זיין שפראך;—

**The Sweatshop**

The machines in the shop roar and shriek out of tune,
I forget who I am in the noisy routine; --
I get lost in the horrible roar and commotion,
My self melts away, I become a machine:
I work and I work and I work with no counting,
I create and create and create without end:
For what? And for whom? I don't know, I don't ask, --
How can a machine think at all, comprehend?

No feeling, no thought, there is no understanding; --
The bitter, the bloodiest work deals a blow
To the noblest, the best, all the finest and richest,
The deepest, the highest that life has to show.
The seconds, the minutes, the hours streak by,
Like sails disappear all the nights and the days; --
I drive the machine as if to overtake it --
I rush without reason, I rush in a haze.

The clock in the workshop ne'er knows any rest,
It points, ticks and wakes, it won't leave you behind; --
A man once explained its deep meaning to me:
Its pointing and waking, inside lies a mind;
But something occurs in my head like a dream:
The clock wakes in me life and meaning so keen,
And something beyond it -- what it is, don't ask!
I forgot, I don't know, for I am a machine!...

And often when I hear the tick of the clock,
I see all at once through its pointing, its tongue; --

מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיך דאָרטען דער אונ־רוה,
כ'זאָל אַרבּייטען, אַרבּייטען, מעהרער, אַ סך!
איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם באָס'ס ווילדען בּייזער,
זיין פינסטערען קוק אין דיא ווייזער דיא צוויי; —
דער זייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבּט מיך
און רופט מיך „מאַשינע!" און שרייט צו מיר: „ניי!"

נאָר דאַן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומעל,
אוועק איז דער מייסטער, אין מיטאָג־צייט שטונד,
דאַן פאנגט אַן אין קאָפּ ביי מיר לאנגזאם צו טאָגען,
אין הארצען צו ציהען, — איך פיהל דאַן מיין וואונד; —
און ביטערע טרעהרען, און זודיגע טרעהרען
צו ווייקען מיין מאגערען מיטאָג, מיין ברויט, —
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מעהר עסען, איך קען ניט!
אָ, שרעקליכע פּראַצע! אָ, בּיטערע נויט!

ס'ערשיינט מיר דיא שאָפּ אין דער מיטאָג־צייט שטונדע
אַ בּלוטיגע שלאַכטפעלד, ווען דאָרט ווערט גערוהט:
ארום און ארום זעה איך ליעגען הרוגים,
עס ליארמט פון דר'ערד דאָס פערגאָסענע בלוט....
איין וויילע, און באַלד ווערט געפּויקט אַ טריוואָגע,
דיא טויטע ערוואכען, עס לעבט אויף דיא שלאַכט,
עס קעמפּפען דיא טרופּעס פיר פרעמדע, פיר פרעמדע,
און שטרייטען און פאלען, און זינקען אין נאכט.

איך קוק אויף דעם קאמפּף־פּלאץ מיט ביטערען צאָרען,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישער פּיין; —
דער זייגער, יעטצט הער איך איהם ריכטיג, ער וועקט עס:
„א סוף צו דיא קנעכטשאפט, א סוף זאָל דאָס זיין!"
ער מינטערט אין מיר מיין פערשטאנד, דיא געפיהלען,
און ווייזט וויא עס לויפען דיא שטונדען אהין:
אַן עלענדער בּלייב איך, וויא לאנג איך וועל שווייגען,
פערלאָרען, וויא לאנג איך פערבּלייב וואָס איך בין.....

דער מענש, וועלכער שלאפט אין מיר הייבט אָן ערוואכען,
דער קנעכט, וועלכער וואכט אין מיר שלאָפט דאַכט זיך איין; —
אצינד איז דיא ריכטיגע שטונדע געקומען!
אַ סוף צו דעם עלענד, אַ סוף זאָל עס זיין!...

I feel that the pendulum prods me go on,
To work and to work, even more, fast and long!
I hear in its tone all the boss's wild anger,
His dark, gloomy look in the pointers that show; --
I fear that, relentless, the clock drives me on
And calls me: "Machine!" And screams to me: "Sew!"

But at noon, when the master goes off for his lunch,
And the terrible roar for a while does depart,
Then slowly it dawns in my head like the day,
Then I can feel my wound and the throb in my heart; --
And bitter tears fall, and boiling tears fall
To soak my dry bread, till from food I recoil --
It chokes me, I can no more eat, I can not!
Oh, harsh bitter need! Oh, terrible toil!

The workshop appears in the mid-day recess
As a battlefield bloody that rests from its flood:
All around I see lying the corpses of men,
A scream from the earth -- it is the shed blood...
One moment, and soon they sound drums of alarm,
The dead come to life, and the battle grows bright,
The troops they are fighting for strangers, for strangers,
And struggle and fall and sink in the night.

I look at the battleground, bitter with rage,
With fear, with revenge, with a hellish wild ache; --
The clock, now I hear it all right, it awakes:
"An end to the slavery, an end we must make!"
It rouses in me all my reason, my feelings,
And shows me the hours -- a stream with no dam:
I shall remain wretched as long as I'm mute,
Forlorn, the while I remain as I am...

The man who is sleeping within me awakes,
The vigilant slave falls asleep inside me; --
This is the hour, the right time has come!

נאָר פלוצלינג — דער ווייסטעל, דער באָס — א טרעוואָגע !
איך ווער אָן דעם שכל פערגעס, וואו איך בין, —
עס טומעלט, מען קעמפפט, אָ, מיין איך איז פערלאָרען, —
איך ווייס ניט, מיך אַרט ניט, איך בין אַ מאשין...



# דער בלייכער אפּרייטער

איך זעה דאָרט אַ בלייכען אפּרייטער
פערקאָכט אין דער אַרבייט, אַ שרעק !
און זייט איך געדיינק איהם אלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטען אוועק.

עס ווערן חדשים פערפלויגען,
עס לויפען דיא יאָהרען אהין,
און נאָך זיטצט דער בלייכער געבויגען,
און קעמפּפט מיט'ן רויהען מאשין.

איך שטעה און בעטראכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה, פערשמירט און פעשוויצט,
און פיהל, אז דאָ ארבייט קיין גבורה,
דער אימפּעט נאָר פּראָצעוועט איצט.

דאָך פאלען דיא טראָפּענס כסדר,
פון אויפגאָנג ביז אונטערגאָנג שפּעט,



And end to the misery, an end there must be!...
But suddenly -- the whistle, the boss -- an alarm!
I forget who I am in this deafening scene --
I'm losing my reason, I'm losing my self --
I don't know, I don't mind, for I am a machine...

**The Pale Apreyter[2]**

I see there a pale apreyter
Steeped in his work, what dismay!
Sewing ever since I remember,
Wasting his forces away.

The months fly away like the minutes,
The years disappear from the scene,
The pale man still sitting bent over,
Still fighting the raw machine.

I stand and I look at his mug,
Sweaty and dirty and shrill,
And feel it's no hero at work,
Inertia is toiling there still.

The drops fall incessently, drip
From dawn to the last sunbeams,
Soaking the dresses he sews,
And drowning into the seams.

Pray tell me, how long can the pale one
Keep turning this bloody wheel?
Who knows when his end will arrive?
Who knows that terrible deal?

Oh, hard, very hard to tell,
But one thing it's sure that we know:
As soon as his work breaks him down,
Another will sit there and sew.

2. Yiddish pronunciation of "operator," i.e., one who works a sewing machine.

און זאַפּען זיך איין אין דיא קליידער,
און טרינקען זיך איין אין דיא נעט.

איך בעט אייך. וויא לאַנג וועט נאָך יאָגען
דער בלייכער דעם בלוטיגען ראָד ?
אָ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגען ?
ווער וויים יענעם שרעקליכען סוד ?

אָ, שווער, זעהר שווער דאָס צו זאָגען.
דאָך איינס איז בעוואוסט און בעשיידט :
ווען איהם וועט דיא ארבייט דערשלאָגען,
זיטצט תכף אַ צווייטער און נייט.

# א טרעהר אויפ'ן אײַזען

---

א קאַלט און פינסטער איז דיא שאַפּ !
איך האַלט דעם אייזען, שטעה און קלאַפּ !—
מיין הערץ איז שוואך, איך קרעכץ און הוסט ;
עס הויבט זיך קוים מיין קראַנקע ברוסט.

איך קרעכץ און הוסט און פּרעס און קלעהר,
מיין אויג ווערט פייכט, עס פאַלט אַ טרעהר,
דער אייזען גליהט : — דאָס טרעהריל מיין —
דאָס קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין.

איך פיהל קיין קראַפט, עס איז פערוועגד'ט;
דער אייזען פאלט מיר פון דיא הענד,
און דאָך דער טרעהר, דער הייסער טרעהר,
דער טרעהר, דער טרעהר, קאָכט מעהר און מעהר.

עס רוישט מיין קאָפּ, עס ברעכט מיין הערץ ;
איך פרעג מיט וועה, איך פרעג מיט שמערץ :
„אָ, זאָג, מיין פריינד אין נויט און פּיין,
אָ, טרעהר, פארוואָס זידסטו ניט איין ?

אָ, שטומער טרעהר, אָ, שטומע שפּראַך !
זאָג, האָב איך דיינע נאָך אַ סך ?
צי דו ביסט שוין דער לעצטער היינט,
פון אלע מיינע הייסע פריינד ?

ביסט אפשר גאָר אַ קוריער,
זאָגסט אָן מיר, אַז עס קומען מעהר ?
איך וואָלט עס וועלען וויסען, זאָג :
ווען ענדיגט זיך דער גרויסער קלאָג ?

איך וואָלט געפרעגט נאָך מעהר און מעהר
ביי'ם אונ־רוה, ביי דעם ווילדען טרעהר,
דאָ האָבען זיך דערלאַנגט אַ גאָס
גאָר טרעהרען, טרעהרען אָהן אַ מאָס
און איך האָב שוין פערשטאַנען גלייך,
אַז טיעף איז נאָך דער טרעהרען טייך.



**A Tear on the Iron**

Oh, cold and dark is in the shop!
I hold the iron, stand and clop! --
I cough and sigh, my heart is weak,
My chest is sick, my breath is bleak.

I sigh and cough and press and think,
My eye grows damp, a tear does sink,
The iron glows -- my tear does simmer --
It boils and sears and won't grow dimmer.

I feel no strength, a broken band;
The iron falls from my weak hand,
And still my tear, my hot wet tear,
My tear is boiling, boiling near.

My spinning head, my breaking heart;
I ask in pain, and with a start:
"Oh, say, my friend in need, my tear,
Will you forever boil and sear?

Oh, silent tear, oh, silent tongue!
Can I still shed my tears for long?
Or is this tear the last today,
Of all my searing friends, oh say!

Are you a messenger for some,
To tell me there are more to come?
I want to know: under the sun,
When will the great lament be done?

I would have asked a lot more here,
Asked the malaise, the soaring tear,
But suddenly a downpour came
Of boundless tears, more of the same,
I understood the rising tide:
The flood of tears is deep and wide.

## דער סוועט־שאַפּ

קאָרנער ווײ און עלנט שטייט אַן אַלטע הײַזל:
אונטן איז א שענקל, אויבן איז א קלײַזל.
אונטן קומען לומפּן אויפּטאָן נאָר נבֿלות,
אויבן קומען ייִדן, קלאָגן אויפֿן גלות.

אָבער העכער, העכער: אויפֿן דריטן גאָרן,
איז פֿאַראַן אַ צימער, — ווײ צו זײַנע יאָרן!
זעלטן ווען געוואַשן, זעלטן ווען גערייניקט, —
טוכלעקייט און בלאָטע זײַנען דאָרט פֿאַראייניקט.

אָט אין דיזן מקום אַרבעטן זיך פֿלײַסיק
און צופֿרידן, דאַכט זיך, בײַ אַן ערך דרײַסיק
אָפּגעצערטע מענער, אָפּגעצערטע ווײַבער,
מיט צעדריקטע גײַסטער און פֿאַרוועלקטע לײַבער.

דאָרטן גייט אַרום זיך מאָטקע פּאַרך אַ בייזער,
שפּילנדיק די ראָלע פֿון אַ גאַנצן קיסר,
דען ער איז דער מײַסטער און די שאַפּ איז זײַנע,
און מען מוז אים פֿאָלגן, פֿאָלגן אָן אַ טענה.

## *The Sweatshop*

Corner of Pain and Anguish, there's a worn old house:
tavern on the street floor, Bible room upstairs.
Scoundrels sit below, and all day long they souse.
On the floor above them, Jews sob out their prayers.

Higher, on the third floor, there's another room:
not a single window welcomes in the sun.
Seldom does it know the blessing of a broom.
Rottenness and filth are blended into one.

Toiling without letup in that sunless den:
nimble-fingered and (or so it seems) content,
sit some thirty blighted women, blighted men,
with their spirits broken, and their bodies spent.

Scurf-head struts among them: always with a frown,
acting like His Royal Highness in a play;
for the shop is his, and here he wears the crown,
and they must obey him, silently obey.

*Aaron Kramer*

**To My Beloved**




Be blessed, my happiness, my joy,
The golden light I love to see!
You came to me, you came in vain
In the damp shop to be with me.

It hums, it boils, it burns, it seethes,
There is no place for you, oh go --
I hired out my arms and hands;
I cannot now embrace you -- no!

And though without you I am dead,
I must demand of you -- please go!
Here rules the struggle harsh for bread,
And I must tremble when I sew.

Come later, oh, please come at night,
Come to my home where I am free --
My heart leaps up, my spirit wakes,
My love flames up again in me.

Oh, then I run to you, my love,
And fall excited on your breast,
And all the day's harsh sufferings,
For you I take them off my chest.




## Why I Am I[1]

### As a Worker

Stand up, oh Muse! Sing of my rank,
My worth among the slaves and Jews!
Illuminate the source of song,
Reveal my secret spring, oh Muse!

Tell all the world the greatest truth!
Proclaim what is in me the best:
How every sound and every tone
Burst from my full, my throbbing breast.

Reveal why I did have to cry,
And why I cherished joy -- explain!
For only you combined in me
The greatest joy with greatest pain.

And tell from where my anger came
And why my bitterness was thick,
For it was not a fickle mood
That teased and shook me to the quick.

I followed faithfully your call

## פאַרוואָס איך בין איך

אַלס ארבייטער

שטעה אויף, אָ, מוזע! זינג מיין ראַנג;
מיין ווערטה ביי אידען און ביי שקלאַפען!
בעלייכט דעם קוואַל פון מיין געזאַנג!
ענטפלעק די סודות פון מיין שאַפען!

דערצעהל דער וועלט און זאָג איהר אָן!
זי זאָל דעם גרויסען אמת וויסען:
ווי יעדער קלאַנג, ווי יעדער טאָן
עס האָט זיך פון מיין ברוסט געריסען.

ערקלער פאַרוואָס איך האָב געוויינט!
זאָג אוים פאַרוואָס איך פלעג זיך פרייען!
דען דו נור האָסט אין מיר פעראיינט
די גרעסטע פריידען און די וועהען.

דערצעהל פון וואו עס שטאַמט מיין כעס
און וואָס עס האָט מיך אָפט ערביטערט,
אַז ניט קיין שטימונגס-משוגעת
האָט מיך געריצט און אויפגעציטערט.

איך האָב געטריי געפאָלגט דיין רוף,
מיין הימעלם הייליגע נחמה! —



---

[1]. Introduction to Selected Writings, New York 1912. The poem consists of three parts: "As a Worker," "As a Nationalist," "As a Satirist."

עס האָט נאָך קיינמאָל ניט דער גוף
בעהערשט דעם שוואונג פון מיין נשמה.

איך האָב פיעל שמערצען דורכגעלעבט,
בין מאַנכע פריידען דורכגעגאַנגען,
און שטענדיג האָט מיין גייסט געוועבט
די ריינסטע, האַרציגסטע געזאַנגען.

איך בין געבליעבען א י ך אַליין
אָט וואו דער שיקזאַל פלעגט מיך קעהרען.
האָט מיר געזאָגט מיין זעעלע „וויין",
האָב איך געוויינט מיט ביט'רע טרערען.

און האָט די וויטסטע פרייד ערוואַכט,
אין ווייטסטען ווינד מיר אָנגעקלונגען,
האָב איך געשטראַהלט, געהאָפט, געלאַכט,
האָב איך די גליקליכקייט געזונגען.

מיין יוגענד ליעגט אין פינסטערן יאָך,
די רעדער האָבען איהר צוריבען...
איך האָב געקלאָגט מיין אייג'נעם בראָך,
געקרעכצט אויף די, וואָס איך פלעג ליעבען.

אַ קראַנקער שקלאַף, צודריקט, פערלענדט,
מיט עלענד און מיט צער אומגעבען —
האָב איך נור יאָמערען געקענט
מיט וועה אויף אַ געשטאָרב'נעם לעבען.

איך האָב דעם שעהנסטען וואַלד פערלאָזט,
דעם שעהנסטען טייך, דעם שעהנסטען הימעל,
איך האָב געזשאַווערט און געראָסט
אין דעם פערפלוכטען שקלאַפען־שימעל.

עס האָט די זון מיר ניט געשיינט,
קיין גראָז, קיין בלעטעל מיר געוואונקען,
אָט ווי מיין „נעכטען" אַזוי מיין „היינט"
אין קנעכטשאַפט און אין זאָרג פערזונקען.

That came from heaven to console! --
My body never overpowered
The swinging motions of my soul.

I lived through many sufferings,
I saw some joy where joy belongs,
And always there my soul did weave
The purest, most sincere of songs.

And always I remained **myself**,
Wherever I was hurled by fate.
And when my soul did tell me: "Cry,"
My bitter tears did not abate.

And if the farthest joy awoke,
And resonated in a wind,
I beamed and hoped and laughed and sang
Of happiness, with joy I grinned.

My youth lay crushed by running wheels,
A gloomy yoke has pushed and shoved...
And I lamented my own pain,
I wept and sighed for those I loved.

A sickly slave, crushed and destroyed,
With dread and grief on every side --
All I have known is lamentation
In pain over a life that died.

I left behind the finest woods,
The prettiest river, finest sky,
In slavery's cursèd mould immersed,
Turned rusty and decayed have I.

The sun has never shone for me,
No grass, no leaf provided glory,
My "yesterday" and my "today"
Have sunk in slavery and worry.

עס האט דעם טרייבערס ווילדער גוואלט,
די נויט מיט איהרע ביינער־פינגער,
צודריקט מיין קראפט, געמאכט מיך אלט,
געמאכט מיך פאר א קברים־זינגער.

איך האב נור אונטערגאנג געזעהן;
פערלענדונג און פערניכטונג טהראנען,
ס'האט אנדערש ניט געקענט געשעהן,
איך האב געוויינט אויף די מיליאנען...

וואך אויף מיין יוגענד איין מינוט!
ערוואך! מיין לעבענס גרעסטער קרבן,
און זאג! וואו ליעגט דיין יונגעס בלוט?
זאג! ביזטו ניט אין שאפ געשטארבען?

יא, דו מיט דיינע פריינד א סך,
עס האט אייך פריה דער טוידט געפאנגען
און איך אליין, אליין נור, אך!
בין נאך די מתים נאכגעגאנגען.

כ'האב ניט געקענט דאס העכסטע גליק
בעטראכטען קאלט אין צוואנג און קייטען,
כ'האב ניט געקענט מיט טרוק'נעם בליק
ארונות טייערע בעגלייטען...

כ'האב זיי מיט שמערץ בעגלייט אהין,
אוואו די לעצטע וועגען פיהרען,
כ'האב ניט געזאגט קיין „צדק הדין",
דען דאס האט ניט געדארפט פאסירען...

כ'האב ניט געוויינט צוליעב געוויין,
מיין יעדער טרער האט שטרייט פערראטהען,
פער'מסר'ט א בעהאלט'נעם מעהן:
איך האב געגאסען מיט גראנאטען...

אין טיעפסטען יאוש פון מיין ליעד
האט אומגעשוועבט א הויכעס שטרעבען;
האט שטילעס וועקען היים געגליהט
און דעם סיגנאל צום קאמפף געגעבען.

איך האב דעם רייכען ניט פערדאמט
דערפאר, וואס ער פערברענגט אין פריידען,
נור ווייל ער האט דעם וועג פערצאמט
צו פרייהייטס הערליכען גן־עדן.



The driver's power, wild and vile,
The Need with its long bony finger --
Has crushed my strength, has made me old,
Has made of me a graveyard-singer.

I saw around me just defeat,
Destruction placed upon a throne,
It could not happen otherwise --
And all the millions I bemoan...

Awake my Youth, just for a while!
My life's great victim, come, wake up,
And say: Where does your young blood lie?
Say: Have you died there in the shop?

Yes, you were trapped by early death,
With all your friends, all done and said,
And I alone, alas, alone!
I have accompanied the dead.

I could not coldly contemplate
The highest joy in vise and chain;
I could not follow with dry eyes
Dear coffins that evoke my pain...

I followed them in sorrow there
Where the last road does lead unseen,
I did not say that God is just,
For such defeat should not have been...

I did not cry for crying's sake,
Revolt my every tear pervades,
Reveals a hidden meaning here:
I poured not tears, but hard grenades...

In deep despair that weighed my song,
There was a striving to the height;
And quiet waking glowed so hot
And gave the signal for the fight.

אָ, נִיט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם בערויבטען'ס קלאָגען,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשעהן,
אַליין די אונגליקען געטראָגען.

עס האָט גערעדט נור מיין געפיהל.
כ'האָב ניט געהאַט קיין צייט צו דענקען,
דער מח האָט געשוויגען שטיל,
דאָס האַרץ פלעגט ציטערען און בענקען.

כ'האָב יעדען טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט בעוויינען און דערשטיקען,
אַזוי בין איך געוואָרען א י ך,
דער דיכטער פון די שוויץ־פאַבריקען.

---

I did not blame the rich in vain,
And for his joy did not despise,
But that he blocked the only road
To Freedom's splendid paradise.

Oh, not an onlooker, I knew
The robbed man's life not just by sight,
I lived myself through all mishaps,
I bore myself this dreary plight.

I had no time to think and brood,
Just feeling filled my hasty song,
My brain was silent all the while,
My heart did shiver and did long.

And every day, I had to choke
A piece of me and cry "Alas!"
And so did I become this **I**,
The poet of the sweatshop mass.

**The Millionaire of Tears**

# דער טרעהרען-מיליאָנער

---

אָ, ניט קיין גאָלדנער קאַמערטאָן
שטימט אָן מיין קעהל צום זינגען,
עס קען דער וואונק פון אויבען אָן
מיין שטים ניט מאכען קלינגען ;
דעם שקלאוו'ס א קרעכץ, ווען ער איז מיעד
נאָר וועקט אין מיר דיא ליעדער, —
און מיט א פלאם לעבט אויף מיין ליעד,
פיר מיינע אר'מע ברידער.

* * *

דערפאר פערגעה איך אהן א צייט.
דערפאַר וועבט אוים מיין לעבען :
וואָס קענען מיר דיא אָר'מע לייט
פיר א בעלוינונג געבען ?
זיי צאָהלען טרעהרען פיר א טרעהר, —
דאָס אללעס, וואָס זיי קאָנען :—
איך בין א טרעהרען־מיליאָנער
און וויין אויף דיא מיליאָנען....

Oh not a golden tuning-fork
Tunes up my throat to sing,
A hint from high above cannot
Raise high my voice to ring;
The sigh of weary slaves awakes
The songs I make for others --
And flaming high my song revives,
The song for my poor brothers.

And so I sink before my time,
My life runs out so fast:
What can poor people pay for this,
For poetry to last?
They pay with tears for every tear,
In poverty's pavilions: --
I am a millionaire of tears
And weep for all the millions...

# דער ברעדלי מאַרטין באלל*)

דאָס איז דער ברעדלי־מאַרטין באַל
פול פּרעכטיגקייט און צויבער!
דאָס טאַנצען ווילד אין וואַלדאָרף'ס זאַל
דעם פאָלק'ס מיליאָנען־רויבער.

דאָרט פליסט דער וויין, דאָרט רוישט מוזיק,
דאָרט איז דער עולם הייטער;
דאָרט געהט דיא צייט, דיא וועלט צוריק,
אַנשטאָט צו שפּאַנען ווייטער.

דאָרט קאָסט אַ הונדערטער אַ בלום,
און טויזענדער אַ שטיינדעל
און מעהר נאָך, מעהר נאָך אַ קאָסטיום,
און מעהר אַ פאַלשער חן'דעל.

דאָך דאָס איז אלעס שוין געוועז,
ניטאָ אין דעם קיין נייעס —
דיא אַלטע וועלט האָט שוין געזעהן
פיעל גרעסערע הולטאיעס.

ס'איז ניט דער ערשטער מאַסקענגלאַנץ
אויף דער היסטאָריעס סצענע,
און ענדען וועט זיך דיעזער טאַנץ,
אַזוי וויא דאַמאָלס יענע . . .

* * *

דאָס איז דער ברעדלי־מארטין באל,
אכט הונדערט געסט צוזאמען!
דאַ אַרבּייט אַללעס מיט דער גאַל
דיא פּרינצען נאַכצואַהמען.

דאָך אונזרע חברה פאלט עס שווער,
דאַ העלפט עס אויך קיין מינץ ניט, —
דער גרעסטער הולטאי־מיליאָנער
איז לאנגע נאָך קיין פּרינץ ניט . . .

נאָר עט, וואָס ווייסען זיי פון שאנד,
ווער וועט עס זיי ערקלעהרען?

*) דיעזעס געדיכט איז געשאפען געוואָרען אין דער צייט פון דעם גרויסען קריזיס אין אמעריקא, ווען מענשען זיינען געשטאָרבען אין דיא גאסען פון הונגער. מרס. ברעדלי מארטין האָט דאן געמאכט א גלענצענדען מאסקענבאל.



## The Bradley Martin Ball[4]

This is the Bradley Martin Ball
How splendid these cotillions!
They're dancing wild in Waldorf Hall
Who robbed the people's millions.

There flows the wine, the music roars,
The crowd will dance till dawn;
There, time and world are flowing back,
Instead of marching on.

A flower costs a hundred bucks,
A thousand for a stone,
And more for every costume there,
And for a smile alone.

But that's old hat, no news in this,
It's all been said and done --
The old world's seen a million times
Much greater bon vivants.

It's not the first great costume ball
On history's old stage,
This splendid dance shall end like those
That were in every age...

This is the Bradley Martin Ball,
Eight hundred -- no one winces!
They're working all -- they have the gall
To imitate the princes.

But it's not easy for our crowd --
No use for money's glints;
For still the richest bon-vivant
Is not a real prince...

4. This poem was written during the great crisis in America when people died of starvation in the streets and Mrs. Bradley Martin made a splendid costume ball.

זיי זיינען הערשער דאָ אין לאנד,
זיי זיינען מיליאָנערען.

זיי הערשען ווילד, אין יעדער אָרט,
מיט שטאָלצער, פרעכער מינע,
זיי הערשען דאָ זיי הערשען דאָרט,
בעהערשען דיא מדינה.

ווען זיי פערווילט זיך ... נאָר גענוג!
מען וויים, מען וויים, איך רעכען,
דאָס ביז אַ צייט נאָר דינט דער קרוג,
ער מוז זיך ענדליך ברעכען..

* * *

דאָס איז דער ברעדלי־מארטין־באַל!
דאָ האָט דער גאָלדנער גולם
אַ פּאַראַדיז אין יאָמערטהאל,
א טאנץ אויף דעם בית עולם.

דען זעהט דיא מאסע קראנק און בלאס!
פערהונגערט און צופראָרען!
דער שעהנסטער, בעסטער מענשענקלאס
מוז שטעהן אין גאס און שנאָרען.

אָט האלטען זיי יעצט אויסגעשטרעקט
דיא הענד, דיא איגנאָראנטען,
וואָס האָבען וואלדאָרף'ס געסט בעדעקט
מיט בלומען און בריליאנטען.

און מיסים ברעדלי מארטין לאכט,
דיא „פירסטין פון נאווארא" —
אוי ווער! אזוי פיעל גלאנץ און פּראכט,
אין דיעזער נויטה'ס זאהארא!

אַ וועה! צו מיידען נאָך דיא שטראָף
און זיין אזוי פיעל שולדיג, —
אַ, פאָלק, ווען וואַכסטו אויף פון שלאָף?
ווען ווערסטו אונגעדולדיג?

But do they know of any shame?
They are no royal heirs.
They are the rulers in this land,
They are the millionaires.

They're ruling wild, in every place,
With proud and haughty hand,
They govern north and south and west,
They rule throughout the land.

If they desire...But that's enough!
We know, make no mistake,
The jug will serve just for a while,
Till it will fill and break...

This is the Bradley Martin Ball!
For here the golden Golem
Makes paradise in graveyard's vale,
A dance so wild and solemn.

For see the masses sick and pale!
They are the starving dregs!
The best and finest class of men
Stands in the street and begs.

The ignoramuses, they stand,
Hold out their hand for hours,
Those who have clad the Waldorf's guests
In diamonds and flowers.

And Mrs. Bradley Martin laughs,
The "Princess of Navarra" --
Oh dear! There's so much pomp and glow,
In misery's Sahara!

Oh to avoid the punishment,
The guilt for all the nation --

Oh people, when will you wake up?
When will you be impatient?

**Scenes in the Mountains**

A few days ago, I journeyed with two friends through the southwestern Catskills to the tiny little town of Parksville.

My intention was twofold: first, to observe the splendid nature of those places and enjoy the bracing air so necessary for my health; and secondly, to see the various Jewish farm areas in the wonderful valleys.

We did not travel in the hotel automobile, but in a simple farm carriage that looked more like a plain cart. We wanted it to look more natural and we didn't want the not-so-nice-smelling piece of civilization to intrude on the soul-refreshing fragrance wafting from the ancient mountains of Sullivan County. Besides, we were afraid to trust the Angel of Death to drive us.

Our driver was an old Christian farmer who had grown up in these Mountains and knew every path in the wilderness.

We crossed the famous Park Mountain still breathing with the primeval matter of the Act of Creation.

A sublime seriousness permeated all our limbs. Even the horses, as if intentionally, began to walk slowly, step after step, letting us see God's wonders in the secluded nature.

We didn't talk, we were silent. Words would be sacrilege. I was afraid to breathe aloud, not to disturb the divine calm hovering over us.

We saw God. We felt Him, we understood Him...

Yes, we were silent and only held each other's hands as if to impress our feelings upon one another, into our hands, our blood, our souls. What we felt remained a mystery, just like the creation of these

Mountains. We shall never tell it, we cannot tell it because as soon as we descended into the valley, we forgot it all...

We drove through the lonely, melancholy-cheerful mountain path, narrow but wide in thoughts. On both sides, generations stood, centuries, and stared at us with earnest and sharp looks.

Those were mighty trees, the stamp of eternity posed on their gigantic bodies and the shadow of lost worlds resting in their branches.

From time to time, the voice of an unfamiliar bird was heard. He told us something, revealed some secret; but who could understand him? Suddenly, a rustle was heard in the thicket, and another rustle, as if ghosts were playing hide-and-seek. What happened there I don't know to this day.

-- What a marvellous area this is, the farmer suddenly remarked, turning his head to us; I was born in these places, but when I come here, it all looks new and fascinating to me.

We woke up abruptly as from a fantastic dream or as if you were interrupted in shul while reciting the Shmone-Esre blessings...We were angry at the old man for committing such a sin. "May God forgive him," I thought to myself and plunged again, possessed by holy thoughts, and I felt my soul had risen. My spirit blended with the deep silence of the rocks and wove into a dreamy Sh'ma Israel...

-- We haven't yet reached the peak, the farmer again interrupted. We're coming now to the real top of the mountain. From here you can see for miles, only the trees block the view. But the most beautiful will come when we drive downhill from the mountains to the valley.

I didn't day-dream anymore.

The carriage began climbing higher and higher, the horses stood on their hind legs and we felt suspended in air. We seemed to drive into the clouds. Fear and wonderment descended on us. My nerves trembled feverishly. For a moment, we seemed to be falling backward into the abyss, no trace would remain of us.

At last we reached the peak of Park Mountain. A new nature, a young, fresh sky, different trees and a different air. A cool breeze blew and caressed the delicate plants and, straying into our path, it cooled and fanned us. A sea of young trees striped with little wildflowers was revealed to our eyes. Nearby stood an old, hollow, stooped tree with one single descending branch. It looked like a nasty old Heder teacher with a lash in his hand, teaching small children the alphabet...

A little further on, it is bare. A stretch of naked mountain, as if had just emerged from his mother's womb. A lonely oak stands there, encircled by the roots of a torn-out pine tree, uprooted by lightning running through the mountains. The roots entwining the sturdy oak look like the straps of tfillin, the tree stands pensively against the sky, in solitary prayer...

Going on, we saw a slanted wooden farmhouse among the rocks. A tall old man with a long white beard falling over his chest walked barefoot behind a tremendous ox grazing on the wild bushes. The barefoot old giant looked like the spirit of the mountains, or like Messiah pasturing the Wild Ox for the Saints in the World-to-Come...

But our driver told us the old man was a farmer, who had once upon a time been a soldier in America's Civil War, who got a pension from the government and lived alone here like a hermit.

-- He was a hero, the old man, the driver went on, he has several medals for bravery. Next to the hut lie his wife and daughter, both died on the same day. He wants to die here too.

Meanwhile, feeling barely secure, we drove slowly downhill toward Parksville. The ride down was awesomely sublime. On both sides of the road, deep deep down, as in an abyss, spread enchanted landscapes -- with beautiful houses and lush, well-tended fields. The road, on which two narrow carts could barely pass one another, led through the Fear of Death. The valleys on both sides were spinning before our eyes. The horses led us straight into the abyss; if, God forbid, they slipped, we would fall down and be crushed to dust.

We travelled through deserts where nature is still so wild, young and new, as if it just now left the Creator's hands. But from the valleys, the alert genius of human labor smiled at us. The fields were worked by skilled hands. Many of the pretty houses belonged to Jews. Those are kosher hotels. In the winter, the owners have other business in New York.

-- All those lots are for sale, remarked the old farmer.

-- What's the matter, I asked; is the land bad?

-- Heaven forfend, he replied. Those are Jewish farms, bought only for speculation.

For a while, the valleys disappeared from view and we saw a wild, terrifying vision. The pointy gray rocks poking up from the ground looked like hollow human skulls. The valley resembled the Valley of Jehosaphat where the nations will be judged someday...A sea of trees, old and young, stretched out in all directions like a congregation kneeling in prayer. Above this vision hovered a rare bird, from time to time uttering a hoarse sigh (like the prayer leader on Yom Kippur, finishing the final prayer of <u>Ne'ila</u>...)

But we passed by this scene too and finally, finally reached Parksville.

**The White Devils**

Thoughts about New York's Underground Trains

Can you make the witch that conjured up the Prophet Samuel conjure up an "Emperor" of the old "Indians" from his eternal sleep and bring him into the new underground train of New York City?

Can you now conjure up one of those "wild men" who sold America for a string of beads, to take a look at what the "white devils" have made of it.

And the "White Devils" have really performed "miracles."

# די ווײַסע שדים

געדאנקען איבער ניו יארקער אונטער דר'ערדיגע באהנען

וואו נעהמט מען איצט די מכשפה, וואס האט אויפגעוועקט שמואל הנביא, זי זאל אויפוועקען פון זיין אייביגען שלאף א „קיסר“ פון די אלטע „אינדיאנער“ און איהם אריינפיהרען אין דער נייער אונטער־ד'רערדיגער אייזענבאהן פון דער שטאדט ניו יארק?

ווי וועקט מען איצט אויף איינעם פון יענע „ווילדע מענשען“, וואס האבען פערקויפט אמעריקא פאר א בינטעל פאטשירקעס, ער זאל א קוק טאן, וואס די „ווייסע שדים“ האבען פון איהר געמאכט?

און די „ווייסע“ האבען ווירקליך אויפגעטאן „וואונדער“.

ווי מכשפים זיינען זיי ארויפגעשפרונגען אויף דער רוהיגער נאטור פון דער נייער וועלט און האבען פון איהר פערשלאסענעם שוים ארויסגעצויבערט נייע הימלען, פול מיט גלאנץ און לעבען.

די ווילדע פעלזען האבען געמאכט פלאץ פאר דער ערהאבענער ארכיטעקטור און די מוטנע זומפען האבען זיך פערוואנדעלט אין „הימעל־גלאצער“ און „וואלקען־קראצער“, וועמעס הויכע דאך־גארטענס עס פריינדלען זיך מיט די שטערען.



אומעטום האט זיך פערשפרייט די מאיעסטעט פון דעם מענשליכען גייסט, איבעראל האט זיך איינגעפרעסט דער הייליגער זיעגעל פון דער שטרעבענדער זעעלע.

דער נייער מענש האט אריינגעגעבען א נשמה אין שטאהל און אייזען, און עס האבען זיך בעוויעזען א ברוקלין־בריק, א וויליאמסבורג־בריק, א פייק סטריט־בריק, הויכע באהנען, וואס שוועבען אין דער לופטען, און גאסען־באהנען וואס לויפען ווי די רוחות, פאסאזשיר־שיפען און האנדעלס־שיפען, און קריעגסשיפען, און מיליאנען פערשיעדענע פאבריקען און מאשינען און לאקאמאטיווען, און צילינדערס, וואס פערנעהמען א מח.

דער „ווייסער שד“ האט א קנייטש געטאן דעם שטערען און עס זיינען אויפגעשטאנען פון „תהו ובהו“ טויזענדער פערבארגענע כחות און האבען גענומען בעדיענען דעם מענשען ווי ניעדעריגע שקלאפען.

זשעני האט א מאך געטאן מיט זיין צויבער־שטעקעל און געזאגט, „יהי אור“, און עלעקטריציטעט האט גענומען קאנקורירען מיט דער זון.

דא, וואו דער אמאליגער רויטער העלד האט ניט געהאט גענוג ווערטער צו ערקלערען ליעבע זיין שענער „סקווא“ און וואו עס האט געפעהלט דער בעגריעף פון „אייל זיך, ברודער“, פון קונסט און פון וויסענשאפט — האט דער פאנאגראף גענומען זינגען אפעראס און דעקלאמירען ליעדער. דער טעלעפאן האט געמאכט „קפיצת הדרך“ פאר דעם מענשען'ס ווארט און א „ווייסער שד“ האט אויסגעפונען דעם „אלף בית“ פאר'ן טעלעגראף.

דער „קלוגער“ אימיגראנט האט בעשאפען האניג פון יע־

Like witches, they pounced on the tranquil nature of the new world and spirited up from her closed womb new skies, full of glimmer and life.

Wild rocks gave way to sublime architecture and the muddled mires were transformed into "sky-gazers" and "cloud-scrapers," whose high roof-gardens fraternize with the stars.

The majesty of the human spirit has spread out, everywhere we see the stamp of the holy seal of the striving soul.

The new man breathed a soul into steel and iron and a Brooklyn Bridge appeared, a Williamsburg Bridge, a Pike Street Bridge; high trains hovering in the air, and street trains running like ghosts; passenger ships and merchant ships and warships; and millions of factories and machines and locomotives, and cylinders that occupy the brain.

The "White Devil" frowned and thousands of hidden forces loomed up from the Chaos and began to serve man like base slaves.

Human Genius waved his magic wand and said let there be light and electricity began to compete with the sun.

Where the former red warrior didn't have enough words to declare his love to his beautiful "squaw," and where there were no concepts for "hurry up, brother," for Art and for Science -- the phonograph began singing operas and declaiming poems. The telephone offered the human word a "leap in space," and a "White Devil" invented an alphabet for the telegraph.

נע בלומען, וואָס דער „נארישער“ איינוואָהנער פלעגט צוטרעטען מיט די פיס, ער האָט געעפענט דעם בויך פון דער ערד און ארויסגענומען איהרע קינדער, זיי זאָלען זיך שפיעלען פאר די איינוואנדערער פון דער נייער וועלט.

קויהלען, גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער זיינען ארויסגעפישט געוואָרען מיט דער נעץ פון חכמה. דער פערלאָרענער, אונבעקאנטער באָדען איז געוואָרען די בעוואוסטע, געפירכטעטע אמעריקא, דער שטאָלץ פון די מדינות און דער לייכט־טורם פון ענערגיע און טהעטיגקייט.

דער מאגנעט פון אמעריקא׳ס גרויסקייט און ערהאבענקייט האָט צוגעצויגען צו זיך אלע שטרעבענדע און לעבענס־פעהיגע מיטגליעדער פון דער גרויסער מענשליכער משפחה. זיי זיינען געקומען און געמאכט א „קאָמונע“ פון נשמות, א פעראיין פון מוסקולען, פון געדאנקען — א מוסטער־וועלט פון אויפטואונגען אָהן א גלייכען.

די „ווייסע ביהנען“ האָבען אזוי לאנג געארבייט, געמיהט זיך, גע׳רעש׳ט, געפלויגען פון בלום צו בלום און געגליהט אין זונען־שיין, ביז עס איז געוואָרען דער גרויסער, בעריהמטער ביהנ־שטאָק, וואָס הייסט — ניו יאָרק.

און שטארקער האָט זיך דאָ גענומען טומלען. די טהעטיגקייט איז גרעסער געוואָרען. דער „אייל זיך“ האָט אָנגעהויבען הערשען איבער׳ן „פּאוואָליע“, און דער „ריהר זיך“ — איבער „אויף מיין דאגה“. די מענשען־ביהנען האָבען אָנגעהויבען מאַכען האָניג פאר די גאנצע וועלט.

די ארבייט האָט געמוזט געטאָן ווערען מיט מעהר האסט, מיט מעהר ענערגיע, מען האָט אָנגעהויבען לויפען און יאָגען איינער דעם צווייטען. עס איז געקומען א שפּארעניש און שטופּעניש, ביז אלע וועגען זיינען איינג געוואָרען, און מען האָט געמוזט שאפען א פערקעהר אונטער דער ערד. עס איז געבאָרען געוואָרען די אונטער־ד׳רערדיגע אייזענבאהן, וואָס פליהט מיט דעם אמעריקאנעם „איך האָב קיין צייט ניט“ אין עטליכע מינוט פון „קעסטיל גארדען“ צו די „בראָנקס“, פון איין ברעג שטאָדט צו דעם צווייטען.

מען האָט דורכגעהאקט א טונעל דורך די שטיינערנע ריפּען פון „אלט־מאנהאטען“, כדי דער בלייכער טומלער זאָל זיך קענען גיכער צאפּלען אוןווארפען אין אלע זייטען.

דער נייער אמעריקאנער איז מעהר בעשעפטיגט ווי זיין אָבגעמעקטער פאָרגענגער. ער איז גרעסער פון איהם, ווייל ער קען פון דער זעלביגער ערד ארויסקריעגען מעהר זאכען און אויסשניצען, און אויסקינצלען וואונדער איבער וואונדער, פון וועלכע דער רויטער יענער האָט קיינמאָל ניט גע׳חלום׳ט.

דער אינדיאנער האָט ניט געפאָדערט פון דער וועלט מעהר ווי זיין באלדיגע נויטיגקייט. ער איז געוועזן גוט צו דעם באָדען, וואָס האָט איהם געגעבען לעבען, געלאָזט טרעטען אויף זיך, כאפּען זיינע פיש און פאנגען זיינע חיות און עופות. ער איז געוועזן גוט צו דער נאטור און גוט צו זיך אליין. א ווילדער מענש... ער האָט ניט אויסגעהאקט די וועלדער און ניט אונטערגעגראָבען די ערד, וואָס האָט איהם אויף זיך געטראָגען.

דער איצטיגער אמעריקאנער אָבער נעהמט אלץ, וואָס ער ק ע ן און קען נ י ט קריעגען. ער בריה׳ט זיך געגען יעדע זאך, וואָס שטעהט איהם אין וועג. ניט אומזיסט, זאָגט ער, האָט איהם די נאטור געגעבען א ווייטען בליק און א שטארקע פאנ־

The "wise" immigrant created honey from flowers the "stupid" native used to trample on. He opened the entrails of the earth and extracted its children to play for the immigrants of the New World.

Coal, gold, silver and precious stones were fished out in the net of wisdom. The lost, unknown ground became the famous, redoubtable America, the pride of nations and the beacon of energy and activity.

The magnet of America's greatness and grandeur attracted all the striving and energetic members of the great human family. They came and made a "commune" of souls, a union of muscles, of thoughts -- a model world of unequalled achievements.

The "White Bees" worked so long, toiled, bustled, flitted from flower to flower and glowed in the sunshine, until they created the big, famous beehive called -- New York.

And the bustle grew stronger. The activity accelerated. "Hurry up" drowned out "slow down"; and "move on" -- squashed "who cares." The human bees began making honey for the whole world.

The work had to be done faster, harder, people began running and chasing one another. There was a pushing and shoving till all roads became narrow and they had to create transportation under the ground. So the underground train was born, the train flying with American "Got no time" in a few minutes from Castle Garden to the Bronx, from one end of the city to the other.

A tunnel was cut through the stone ribs of "old Manhattan" so the pale noisemaker can tremble and hurl itself faster in all directions.

טאזיע און ער בענוצט זיך מיט זיי צו קריעגען אלץ, וואָס זיין אויג זעהט און זיין כח הדמיון קען דערגרייכען.

דער ווייסער אונרוה וויל אין דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ 'אויפטאָן מעהר זאכען און דערגעהן מעהר סודות פיעל צייט און לעבען קענען איהם דערצו דיענען. דער איינגעוואנדערטער איד שטעהט אין דעם פּרט ניט אָב פון זיין יענקי־שכן. ער איז שנעל אריבערגעוואקסען די „געטאָ". זיין איינגעבאָרענער גייסט פון פּאָרטשריט ווארפט זיך פּאָראוים. „דו לויפסט, לויף איך אויך" און זיין קווארטאל האָט א „סאָבוויי", א אונטער דר'ערדיגע אייזענבאהן. איבער זיין גאס שפּאַנען ריעזען־בריקען און אונטער זיינע טריט טרייבט דער בליץ דעם „אידישען" שנעל־צוג. די אידישע גאס איז נאָך קיינמאָל ניט געבליעבען הינטערשטעליג, זי האָט דעריאָגט...

אָבער דאָ קומט ערשט די פראגע: וואָס וואָלט געזאָגט דער אלטער אינדיאנער, ווען ער וואָלט געזעהן דעם עלעקטרישען רוח, וואָס פליהט ווי א „שווארץ יאָהר" מיט דעם ווייסען חכם?

וואָלט ער ניט וועלען בעסער ליעגען אונטער'ן שאָטען פון א בוים מיט זיין פיילענבויגען ביי דער זייט און קוקען אויף די שטערען? וואָלט ער ניט וועלען בעסער לעבען רוהיג און שטיל אויף דעם שטיקעל ערד, וואו ער וואָלט זיך געפינען? וואָלט איהם ניט געבלוטיגט זיין גרוים, שטארק, ווילד הארץ צו זעהען ווי מען האָט אויסגעהאקט די גרינע בוימער, צושמעטערט די מעכטיגע פעלזען־בערג און אויפגעשטעלט קאסטענס פון ליים און אייזען? קאסטענס, אין וועלכע מען יאָגט זיך ארויף און אראָב אויף אונזיכערע מאשינען זוכען חיונה? אומעטיגע קאסטענס פון דרייסיג עטאזש, אָהן לופט, אָהן פויגעל, אָהן בלומען; קאסטענס וואו מען שפּארט זיך מיט עלענבויגענס און מען קען זיך ניט פונאנדערלאָזען אויף א פייערדיגען פערד וואָס אָטהעמט מיט גבורה און שוועבט מיט דער צופלאָכטענער גריווע איבער די גרינע פעלדער?

וואָלט דאָס אלטע נאטור־קינד געוואָלט זוכען ברויט אין א סוועט־שאָפּ, פרנסה נעבען א שטופּ־וועגעלע, עשירות אויף דער בערזע, א נאָמען אין א צייטונג און אונשטערבליכקייט אין אן ענציקלאָפּעדיע? וואָלט ער געוואָלט ריזיקירען זיין לעבען אויף דער הויך־באהן און קריכען ווי א קראָט דורך ד'רערד צו זוכען דעם חוב, וואָס די נאטור איז איהם שולדיג?

בעצאָהלט זיך ענדליך דעם ווייסען „האבון" זיין משוגענע לויפעניש אויף טויט און לעבען אויף די הויכע עטאזשען און אין די טיעפע מינעס? ברייננגט איהם ניט די שנעלע אייזענבאהן שנעלער צום קבר? לעבט ער ניט אָב גיכער, לעבענדיג אויף דער מאשין, און פערליערט ער ניט די שענקייט פון דער פרייער, אָפענער און ליכטיגער וועלט, זיך טומלענדיג אין דעם דומפּפען רעש פון דעם אומגעלומפּערטען ניו יאָרק?

האָט ער צייט כאָטש איין אויגענבליק זיך צו פערטראכטען אויף דער בלויער חופּה, וואָס שפּרייט זיך איבער נאטור און מענש ווי איבער חתן־כלה? קען ער זעהן, ווי דער אלטער גרינער דוב האלט אויסגעשפּרייט זיינע שמעקעדיגע הענד ווי א כהן גדול, צו בענשען גאָט און זיין בעשאַף?

אָ, וואו נעהמט מען די מכשפה, וואָס זאָל אויפוועקען דעם אלטען אינדיאנער און אומקעהרען דעם מענש צו דער נאטור?

---

The new American is busier than his annihilated predecessor. He is bigger because, from the same soil, he can extract more things and artfully whittle miracle after miracle the red hunter never dreamed of.

The Indian did not ask more of the world than what he needed right now. He was good to the soil that gave him life, let him trod it, catch its fish and trap its animals and birds. He was good to nature and to himself. A wild man...He did not cut down the forests, did not undermine the earth that bore him.

But today's American takes whatever he can and cannot get. He swaggers against whatever gets in his way. Not in vain, says he, did nature make him far sighted and imaginative, skills he uses to obtain whatever his eye can see and his imagination can reach.

In the short time of its existence, white unrest wants to achieve more things and discover more secrets than time and life can serve him. In this respect, the immigrant Jew does not lag behind his Yankee neighbor. He outgrew the "ghetto" very fast. His innate spirit of progress leaps forward. "You're running so I'm running too" and the Jewish quarter too has a "subway," an underground train. Giant bridges span his street, and under his feet lightning drives the "Jewish" express train. The Jewish street never lagged behind, it overtook...

But here the question arises: What would the old Indian have said if he saw the electrical ghost flying like a "black plague" with the wise white man?

Wouldn't he have preferred to lie in the shade of a tree, his bow and arrow beside him, looking at the stars? Wouldn't he have preferred to live in peace and quiet on the bit of earth, wherever he happened to be? Wouldn't his big, strong, wild heart bleed to see how the green trees were cut down, the mighty rocky mountains smashed and boxes of clay and iron erected? Boxes, where people run up and down in unsafe machines to make a living? Sad boxes of thirty stories, no air, no birds, no flowers; boxes where you elbow your way and cannot let go, riding a fiery horse that breathes valor and hovering with dishevelled mane over green fields?

Would the old child of nature have liked to earn his bread in a sweatshop, make a living with a push-cart, seek riches in the stockmarket, a name for himself in a newspaper and immortality in an encyclopedia? Would he have liked to risk his life on the elevated train and crawl like a mole through the earth to look for the debt nature owes him?

Does it pay for the white landlord to run crazily for life and death in the high stories and in the deep mines? Doesn't the fast train bring him faster to his grave? Living on a machine, doesn't he live faster, doesn't he lose the beauty of the free, open, shining world in his bustling in the deafening noise of the cumbersome New York?

Does he have time at least for one moment to ruminate on the blue canopy spreading over nature and man as over a bride and groom? Can he see how the old green oak spreads its fragrant hands like a high priest to bless God and His creation?

Oh, where do you get the witch to conjure up the old Indian and return man to nature?

# דרײַ דורות

גאָר אמאָל, אמאָל פלעגט מען „לויפען" נאָך אמעריקא;
אין א היבשע צייט שפּעטער — איז מען „געגאַנ־
גען" נאָך אמעריקא און יעצט — „פאָהרט" מען נאָך
אמעריקא.

דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד!

די, וואָס זיינען מיט יאָהרען צוריק אנטלאָפען נאָך אמע־
ריקא, זיינען שוין כמעט קיינער ניטאָ מעהר, בלויז זייערע קינ־
דער און קינדס־קינדער שפּיעלען יעצט א ראָלע אלס רייכע
אמעריקאנער יהודים, אלס יחסנים... זיי איז מעהרסטענס גאַנץ
גוט און זיי קוקען אראָב אויף דער „איסט־סייד" מיט א מיק־
ראָסקאָפּ... די, וואָס זיינען נעבאָך „געגאַנגען" נאָך אמעריקא,
יאָ, ג ע ג א נ ג ע ן, ווייל דער שיקזאל און די פערפאָלגונג
האָט זיי געטריעבען פון דער היים ניט געבענדיג געגוג הוצאות־
הדרך — די מענשען זיינען נאָך כמעט אלע פאראַן. זיי זיי־
נען דאָס די יעניגע, וואָס האָבען דאָ אויסגעפלאסטערט א וועג
פאר אידישעם וויסען, אידישע זשורנאליסטיק און אידישע
קונסט. פון די, וואָס זיינען ג ע ג א נ ג ע ן נאָך אמעריקא,
זיינען ניט אלע גליקליך. פיעלע, זעהר פיעלע זיינען געפאלען
אויפ'ן שלאכטפעלד פון חיונה און פראָגרעס, און פיעלע זיינען
געבליעבען הענגען אין דער לופטען אָהן א פעסטען באָדען אונ־
טער זייערע מיעדע פיס.

די, וואָס זיינען דאָ געקומען צו „לויפען" האָבען זיך גע־
טויגט אָנצוזאמלען עשירות אויף פערשיעדענע אופנים, ווי זיי
זיינען דאָס געוואוינט געווען צו טאָן אין זייער היים. פון וואַ־
נען זיי האָבען געמוזט אנטלויפען אום ניט מיאוס ארייַנצופאַ־
לען... אָבער די, וואָס זיינען דאָ געקומען צו „געהן", האָבען גע־
מוזט קעמפּפען, ביטער, זעהר ביטער, אום צו עקזיסטירען.

גאַנץ אנדערש איז מיט די, וואָס קומען יעצט צו פ אָ ה־
ר ע ן נאָך אמעריקא. די צונויף „געפאָהרענע" קומען שוין דאָ
אויף אלעם פּארטיגען. זיי ווייסען ניט און ווילען גאָר ניט ווי־
סען וואָס עס איז פריהער געווען. זיי הויבען גלייך אָן זיך צו
מישען און זאָגען דעות. זיי ווילען ניט אנערקענען מיט דאנק־
בארקייט דאָס, וואָס מען האָט דאָ אויפגעטאָן פון זייערטווע־
גען און נעהמען זיך גלייך בלאָזען און „בריקענען", פונקט ווי
זיי וואָלטען געהאָלפען עפּעס אויפבויען, עפּעס שאַפען. עס איז
זיכער, אז אין פערלויף פון די קומענדע דורות וועלען די דריי
קאטעגאָריעס עמיגראנטען זיך אזוי פערמישען, אז מען וועט
ניט מעהר וויסען „ווער איז ווער", דערווייַלע אָבער זיינען די
„געלאָפענע", „געגאַנגענע" און „געפאָהרענע" דריי גאַנץ בעזונ־
דערע קלאסען.

די „אנטלאָפענע" האָבען זיך ארויפגערוקט אין די הויכע
מקומות פון דער „וועסט־סייד" און אין די עלעגאנטע ערטער
פון די איסט, די „געגאַנגענע" שארען זיך אויף ביסלעכוויַיז
אוועק פון „העסטער" מיט איהרע שוועסטער און די „געפאָה־
רענע" בלייבען אלס מעהר און מעהר די זעלבסטהערשער פון

**Three Generations**

Once upon a time, people used to "run" to America; much later -- they "went" to America and now -- they "travel" to America.

This is a mighty big difference!

Those who "ran" to America years ago are almost all gone, but their children and grandchildren are now big shots, rich "Yahudim," aristocrats...Most of them are doing pretty well and look down on the "East Side" with a microscope...Those poor souls who "went" to America, yes went, because their lot and persecutions drove them out of their home without travel expenses -- those people are still almost all with us. It is they who paved the way here for Jewish knowledge, Jewish journalism and Jewish art. Not all of those who went to America are happy. Many, a great many, fell on the battlefields of livelihood and progress. And many remained hanging in the air with no firm ground under their weary feet.

Those who came "running" here were good at amassing wealth in various ways, as they had done in their old homeland, from which they were forced to run so as not to be caught...But those who went here had to struggle bitterly, very bitterly, for their existence.

Very different are those who are now travelling to America. Those who "travel" find everything waiting for them here. They don't know and don't want to know what happened before. They immediately begin interfering and advising. They don't want to be grateful for what has been done here for their sake; they immediately put on airs and "kick" as if they had helped to build or create something. No doubt in the course of the future generations, those three categories of immigrants will blend so completely you won't know "who is who," but meanwhile, those who "ran," "went" or "travelled" are three quite different classes.

Those who "ran" moved up into the high places of the West Side and into the elegant spots of the East; those who "went" also shuffle off little by little from Hester and her sisters; and those who "travelled" more and more remain the rulers of the East Side, the so-called "Ghetto." Those who "travelled" here found readymade newspapers, readymade unions, readymade theaters, readymade lodges, organizations, unions, societies, hospitals, groups and institutions of various kinds. Those recent immigrants immediately begin using them and even more -- criticizing! They don't know how much blood and sweat, how much marrow and effort and lives it cost to create it all in a foreign land under the worst circumstances.

These new immigrants are not at all interested in the history of the "East Side," in the many sacrifices made on the altar of Jewish progress in the new world. They pounce on it all as if it were their own, and they don't even have a good word to say for their predecessors.

Until now, nothing was heard of the East Side; but as soon as it became prominent, as soon as devoted people made the Jews famous, those who "ran" come and ask for a share of recognition. They say all this happened for their sake, that their light influenced us from up high...And some new "greenhorn"

דער איסט סייד, פון דער זאַגענאַנטער „גהעטאָ". די „צונויפגע־פאָהרענע" געפינען שוין דאָ פאַרטיגע ציימונגען; פאַרטיגע יוניאָנס; פאַרטיגע טהעאַטערע; פאַרטיגע לאָדזשען, חברות, פעראיינען, סאָסייעטיס, האָספיטעלער, קערפערשאַפטען און אינסטיטוציעס פון פערשיעדענע כאַראַקטערע. דיעזע לעצטע און נייע עמיגראַנטען פאַנגען דאָס גלייך אָן צו ניצען און נאָכ־מעהר — צו קריטיקירען! זיי ווייסען ניט וויפיעל בלוט און שוויים, וויפיעל מאַרך און מיה און לעבענס עס האָט געקאָסט דאָס אַלעס צו שאַפען אין אַ פרעמדען לאַנד אונטער די ערגסטע אומשטענדען.

דיעזע נייע איינוואַנדערער אינטערעסירען זיך גאָר ניט מיט דער געשיכטע פון דער „איסט־סייד", מיט די פיעלע קרבנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אויפ'ן אַלטאַר פון דעם אידישען פאָרטשריט אין דער נייער וועלט. זיי כאַפען זיך צו צו דעם ווי צו זייער אייגענע און האָבען צומאָל קיין גוט וואָרט פאַר זייערע פאָרגענגער.

ביז יעצט האָט מען פון דער איסט סייד גאָר ניט געהערט, קוים איז זי אָבער געוואָרען פראָמינענט, קוים האָבען מענשען מיט מסירות נפש גרוים געמאַכט דעם אידישען נאָמען, קומען די „אַנטלאָפענע" און בעטען אַ חלק אַנערקענונג. זיי זאָגען אַז דאָס אַלעס איז געשעהען אין זייער זכות, אַז זייער ליכט האָט עס אויף אונז משפיע געווען פון אויבען אַראָב... און מאַנ־כע נייע „גרינהאָרנס" בני בלי שם, וועמען עס האָט נאָך גאָר דער בויך ניט וועה געטאָן אויף אַמעריקא, האָבען נאָר די חוצפה צו קומען אונז לערנען און אויפקלערען און שימפּפען מיט די שענדליכסטע ווערטער. מיר האָבען זיך מקריב געווען זייט לאַנגע יאָהרען פאַר דעם פאָלק, מיר האָבען איהם גע־שאַפען אַ אויסגעברייטעטע און אַ ערשטע קלאַסע זשורנאַליס־טיק, מיר האָבען פערפאַסט ביכער און האָבען דאָס אַלעס גע־שאַפען אין אַרמקייט און אין עלענד, קעמפּפענדיג מיט הונגער און פערצווייפלונג און די, וואָס זאַמלען די פרוכט פון אונזער בלוטיגע פראַצע קוקען זיך צומאָל ניט אום אויף אונז.

מילא די יחסנים פון „אָפּטאון", די קנאַקער פון דער גאָל־דענער גהעטאָ האָבען שוין ביסלאַכווייז אויסגעפונען, אַז מיר ווילען זיי ניט אַנערקענען אַלס שותפים אין דער מעשה בראשית פון אונזערע גייסטיגע שעפּפונגען, מיר האָבען זיי געגעבען צו פערשטעהן, אַז מיר זיינען אונזערע אייגענע בעלי בתים, יעצט בלייבט אונז נאָר צו דערמאָהנען די נייע אַראָבגעפאָה־רענע, אַז זיי זאָלען ניט פערגעסען זייערע בראַווע פּיאָנערען. עס קומען יעצט אַריבער מאַנכע אויפגעבלאָזענע משכילים און סתם אידען מיט פרעטענזיעס און בלאָזען זיך און מאַכען זיך אַ פוריע געגען די אַלטע קעמפּפער פון דעם אידישען פראָגרעס אין דעם קוואַרטאַל פון אידען. דיעזע משכילים דאַרפען ציהען די הוט פאַר די, וואָס האָבען דאָ אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פון זייערט וועגען.

יעדע אידישע בלאַט פון דער „איסט סייד" האָט איהר ליידענס־געשיכטע, און יעדער שרייבער, וואָס פערדיענט יעצט אויף ברויט, האָט יאָהרענלאַנג געהונגערט. יעדער יוניאָן האָט אַ רעקאָרד מיט בלוטיגע סצענעס, מיט טרערענפאָלע און יאָ־מערענדע געשיכטען און יעדער אידישער שוישפּיעלער, וואָס טראָגט אַ דימענטענע שפּילקע און אַ גאָלדענעם זייגער, האָט לאַנגע צייטען געשטריטען מיט'ן שיקזאַל און געפאָכטען פאַר

nobodies, who didn't even bellyache about America, have the chutzpah to come teach us and enlighten us and curse us with the most disgraceful words. For many years, we sacrificed ourselves for the people, we created for them a widespread and first-class journalism, we wrote books and created everything in poverty and misery, fighting starvation and despair and those who reap the fruit of our bloody labor don't even look back at us.

Never mind. The "uptown" aristocrats, the bigwigs of the golden ghetto gradually discovered we don't want to recognize them as partners in the genesis of our spiritual creations; we showed them we are our own bosses; now all we have to do is to remind the new travellers not to forget their brave pioneers. Now from overseas now come many bloated intellectuals and just plain Jews with pretensions and puff themselves up and kick up a fuss against the old fighters for Jewish progress in the Jewish quarter. Those intellectuals better take off their hat to those who paved the way here for their sake.

Every Yiddish newspaper of the "East Side" has its tale of suffering and every writer who now makes a living starved for years. Every union has a record of bloody scenes, of tearful and lamentable chronicles, and every Jewish actor who wears a diamond stickpin and a gold watch fought with fate for many a long year and fenced for a living. Every true Jewish poetry in the Diaspora language composed in the damp tenements of the Jewish quarter bears the stamp of sacrifice and every textbook written here to teach the greenhorns the language of the land is a tombstone on a piece of lost life.

Those who achieved all those fine things on the East Side are slowly but surely retreating, grown weary. Soon, their activities will be taken over by other, younger hands. Soon the first quarter century of effort and drudgery, of incessant struggle -- will be dead. You, new Americans, you who

"travelled" here, do not forget your brave predecessors! Don't forget what we did for you! Don't be so proud! Respect the good things you find here. What we pass on to you, even if it is not entirely perfect, is still pretty respectable, but what you will go on doing we don't know yet.

Respect for the martyrs of the "East Side!" Bow your head to an immortal quarter century!

א לעבען. יעדע וואהרע אידישע פּאָעזי אין דעם גלות־לשון, וואָס איז געדיכטעט געוואָרען אין די דומפּפע טענעמענט געביידען פון אידישען קווארטאל, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אויפּאָפּפערונג און יעדעס לעהר־בוך, וואָס דאָ איז פערפאסט געוואָרען, צו לערנען דעם גרינעם די שפּראַך פון דער מדינה, איז א מצבה נאָך א שטיק פערלאָרענעם לעבען.

די אויפטוער פון אָט די אלע גוטע זאכען אין דער „איסט־סייד" ציהען זיך לאנגזאם אָבער זיכער צוריק, זיי זיינען מיעד געוואָרען. נאָך א קורצע צייט און זייער טהעטיגקייט וועט איבערגענומען ווערען פון אנדערע, פון איננערע הענד. באלד שטארבט דער ערשטער פיערטעל יאָהר־הונדערט פון מיהע און מאטערנים, פון אונאונטערבראָכענע קעמפּפע. איהר, נייע אמעריקאנער, איהר „אָנגעפאָהרענע", פערגעסט ניט אייערע מוטיגע פאָרגעננער! פערגעסט ניט וואָס מיר האָבען געטאָן פאר אייך! בלאָזט זיך ניט! קוקט אויף דאָס גוטע, וואס איהר געפינט דאָ מיט רעספּעקט. וואָס מיר גיבען אייך איבער, עס מעג אפילו זיין ניט אין גאנצען ניט פאָלשטענדיג, דאָך לאָזט זיך עס זעהען, אָבער וואָס איהר וועט ווייטער טאָן דאָס קען מען ניט וויסען.

רעספּעקט פאר די מארטירער פון דער „איסט־סייד"! בויגט דעם קאָפּ פאר א אונשטערבליכען פערטעל יאָהרהונדערט!



## The Ghetto in the Catskills

Jewish Gardens with sidelocks. -- "Farmers" convert the mountains to Judaism. -- A pale allrightnik goes to seek appetite. -- "Sheeny Mountains" and Khaim-Moyshe Lake. -- Diaspora and the stomachs.

Quite a few years ago, when Jewish beards still grew on Bayard Street and trees still grew on East Broadway; when on Mott Street they still blew the Shofar and Yiddish wasn't understood on Grand Street; when they were peddling Jewish ritual fringes on Forsythe Street and Cherry Street was still Little Ireland; when they could still drag a tin peddler into a minyan on Christy Street and they still recited a Jewish blessing on First Avenue over an Apreyter: "blessed be He who changes his creatures"; when our Jewish magnates were still cracking...nuts...in Europe and Yiddish "holiday papers" were not yet used for other purposes -- in a word, a long time ago -- no one dreamed Jews would spread up beyond Central Park or that the Catskill Mountains would be a continuation of Hester Street...

Now, if you want to describe the New York Jewish quarter, you must keep in mind Sullivan County, Green County and Holster County, because only a trained eye can recognize the difference between Centerville, Parksville and Brownsville...

The Jew took vengeance on the Goyim for not accepting Jewish lodgers, he bought their farms and converted them. The gardens grew sidelocks and the trees were circumcised...And the fields will produce more fruit because Jews don't lack fertilizer...The New York Jewish summer lodgers make the greatest effort to fertilize all the surroundings...

A few years from now, you won't be able to know which hills are higher, the dunghills or the Catskills and I fear they will have to make a new geographical map of New York state.

## די געהעטא אין די קעטסקילס

אידישע גערטנער מיט פאות'ן. — „פארמערס" זיינען מגייר די בערג. — א דארער אלל־רייטניק געהט זוכען אפעטיט. — — „שיני מאונטיינס" און חיים־משה לייק. — דער גלות און דיא מאגענס.

מיט א רעכט ביסעל יאהרען צוריק, ווען אין באיארד סטריט פלעגען וואקסען אידישע בערד און אין איסט בראדוויי פלעגען נאך וואקסען בוימער; ווען אין מאטט סטריט פלעגט מען בלאזען שופר. און אין גרענד סטריט פלעגט מען ניט פערשטעהן קיין זשארגאן; ווען אין פארסייטה סטריט האט מען שוין גענומען פעדלען מיט ציצית און אין טשעררי סטריט איז נאך געווען קליין אירלאנד; ווען אין קריסטי סטריט פלעגט מען נאך מצרף זיין א בלעך־פעדלער צום מנין און אין דער „ערשטער עוועניו" פלעגט מען נאך מאכען א ברכה איבער אן אפרייטער ברוך משנה הבריות; ווען אונזערע אידישע גרויסע גבירים האבען נאך געקנאקט... ניסלאך... אין אייראפא און אידישע „יום־טוב בלעטער" פלעגט מען נאך ניט געברויכען פאר „אשר־יצר" פאפיער — מיט איין ווארט, נאר אמאל, אמאל, האט מען ניט גע'חלום'ט, אז אידען זאלען זיך שפרייטען ביז איבער סענטראל פארק און די קעטסקיל בערג זאלען ווערען א פארטזעצונג צו העסטער סטריט...

יעצט ווען איהר ווילט בעשרייבען דעם ניו יארקער אידישען קווארטאל, מוזט איהר האבען אין זינען סאלליוואן קאונטי, גרין קאונטי און האלסטער קאונטי, דען עס דארף נעהמען א געאיבטעס אויג צו דערקענען דעם אונטערשיעד פון סענטערוויל, פארקסוויל און בראנזוויל...

דער איד האט גענומען נקמה פון די גוים דערפאר, וואס זיי פלעגען ניט וועלען האלטען קיין אידישע לאזשערס, ער האט אבגעקויפט זייערע פארמס און האט זיי מגייר געווען. די גערטנער איז אויסגעוואקסען פאות און די בוימער האט מען מל געווען... און אויף די פעלדער וועט טאקע יעצט זיין מעהר גערעטענים אויך, ווייל קיין מיסט פעהלט ניט ביי אידען... די ניו יארקער אידישע זומער־לאזשערס גיבען זיך די גרעסטע מיהע צו פערמיסטיגען אלע געגענדען ארום...

מיט עטליכע יאהר שפעטער וועט מען ווירקליך ניט וויסען וועלכע בערג עס זיינען גרעסער, די בערג מיסט אדער די קעטסקיל בערג און איך האב שטארק מורא, אז מען וועט מוזען מאכען א נייע געאגראפישע קארטע פון דעם שטאאט ניו יארק.

בנוגע צו רעגען וועט מען זיך אויך ניט דארפען זארגען. וועט עס רעגענען איז רעכט, ווען ניט וועלען אידען מאכען זייער איינענע „אירריגיישאן" אנצוטרינקען די פעלדער, דאס הייסט זיי מאכען דאס ש ו י ן... זיי בעניסען די ערד מיט נעגעל־וואסער, מיט מים אחרונים און מיט מי רגלים... מען

As for rain, you won't need to worry about that either. If it rains, fine; if not Jews will make their own "irrigation" to wet the fields, i.e., they make it already...They sprinkle the soil with fingernail water, fingerbowl water and made water...They pour it out the windows of the Jewish "farms," of the Jewish lodging houses and hotels.

Basically there is a big difference between New York and the Catskills. In New York, for example, the buildings stand in the city and here they stand outside...You can see that they stand outside, it is indicated by the empty space around. But the Kosher Jewish hotels, and especially the summer lodgers, want to deny the fact, they make an effort to endow the mountains with the same form as Essex Street and we must admit that they succeed...

Yes, with time the Catskills will belong entirely to our fellow Israelites, just like Woodbine...The Christian farms are gradually bought by Jewish tailers and Heder teachers. Christians who have private summer places in the neighborhood of Liberty or other spots close to Jewish lodging houses yield their expensive buildings for a pittance and flee. They flee from the Jewish neighbors, from the asthmatic, choking, and consumptive summer guests and from the proud, vulgar and gaudy upstarts; and it won't be long before you won't see a Goy here for all the tea in China. The antisemites have already begun offending the Catskills and angrily dubbing them "Sheeny Mountains." A Jewish farmer swore to me that he heard it himself...But it's even nicer when the Jews give the old places Jewish names. Take the famous summer place, Kaimishaw Lake, they call it "Khaim Moyshe Lake" after the Moyshes and the Khaims who come there...

Only now do I understand why the Jews are an eternal people. They are really much stronger than nature because, in nature, there is a big difference between New York and the Catskills: the earth here is much higher, the air fresher, the climate healthier but the Jews are all the same, on Rivington Street as in Mountaindale, in a cellar as on the mountains, time and place make no difference...

גיסט דאָס דורך די פענסטער פון די אידישע „פאַרמס“ פון די אידישע לאָזשינג־הייזער און אידישע האָטעלען.

עס איז אין גרונד גענומען א גרויסע נפקא מינה צווישען ניו יאָרק און די קעטסקילס. אין ניו יאָרק, למשל, שטעהען די הייזער אין שטאָדט און דאָ שטעהען זיי אין דרויסען... מען ז ע ה ט, אז זיי שטעהען אין דרויסען, דאָס ליידיגע פּלאַץ ארום ווייזט דאָס אייך. דאָך ווילען די כשר'ע אידישע האָטעלען, איבערהויפּט די זומער־לאָזשערס, אָבלייקענען דעם פאקט, זיי שטריינגען זיך אָן צו געבען די בערג די זעלבע צורה ווי עססעקס סטריט און מען מוז מודה זיין, אז דאָס געלינגט זיי...

יאָ, די קעטסקילס וועלען מיט דער צייט בעלאנגען אין גאנצען צו אחינו בני ישראל, פּונקט ווי וואודביין... די קריסטליכע פארמס ווערען ביסלאכווייז אָבגעקויפט פון אידישע שניידער און מלמדים. קריסטען, וואָס האָבען פריוואט זומער־פּלעצער אין די נאכבארשאפט פון ליבערטי אָדער אנדערע מקומות, נאָהענט פון אידישע לאָזשינג־הייזער, זיינען מקריב זייערע טייערע געביידען פאר א קלייניגקייט און אנטלויפען פון דאָרטען. זיי לויפען פון זייערע אידישע שכנים, פון די יאדושליווע, דוכאָוויצנע און שווינדזוכטיגע דאטשניקעס און פון די שטאָלצע, גראָבע יונגענדיגע און אויגען־אויפרייסענדע אויפגעקומענע, און עס וועט ניט לאנג דויערען וועט מען דאָ ניט אָנזעהן קיין גוי אויף א רפואה. די אנטיסעמיטען האָבען ש ו י ן אָנגעהויבען צו בעליידיגען די קעטסקילס און רופען זיי פאר כעס די „ש י נ י מ א ו נ ט י י נ ס“. א אידישער פארמער האָט פאר מיר געשוואָרען, אז ער האָט דאָס אליין געהערט... שען איז אָבער ווי די אידען אליין גיבען די אלטע פּלעצער אידישע נעמען. אָט למשל רופען זיי דעם בעקאנטען זומער פּלאַץ קאימישאָ לייק „חיים משה לייק“ לויט די „משה'ס“ און די „חיים'ס“ וואָס קומען דאָרט...

ערשט יעצט פערשטעה איך אָבער פארוואָס אידען זיינען אן אייביג פאָלק. זיי זיינען באמת טאקע א סך שטארקער ווי די נאטור, דען אין דער נאטור איז א גרויסער אונטערשייד צווישען ניו יאָרק און די קעטסקילס: דאָ איז די ערד פיעל העכער, די לופט פרישער, דאָס קלימאט — געזונדער, אידען אָבער זיינען אלץ די אייגענע אין ריווינגטאָן סט. ווי אין מאונטיין־דייל, אין קעלער ווי אויף די בערג, צייט און אָרט איז זיי ניט משנה...

When you travel from New York by train to the mountain districts, you cannot but be amazed by the huge number of Jewish passengers; men, women and children, young and old; yarmulke Jews, shaved Jews, puffed up and puffed out Jews…Females of all kinds: with wigs, headbands, hats with ostrich feathers, and with kerchiefs tied under their chin.

Everybody leaves New York.

It is a mass exodus. Jews are fed up with the narrow, stifling streets; they haven't always lived like that, once upon a time they worked the soil. The holy summertime wakes them up from Exile. The bird calls, the green flowerbeds wink, a feeling from the golden ancient times wakes up and draws them far far into the free world, the lost orphan returns to mother nature…

Oh, how beautiful it is to fantasize!

But in truth they travel to the mountains to eat…

POEM [336]

And they rehearse eating right away on the train. Suddenly, "as God is with us," bagels, rye bread and bananas crawl out of pockets.

The dress rehearsal is on. Eggs with mustard appear, fried giblets, cheese cakes with sour pickles…peanuts with corned beef and calvary sponge cake with smoked flounder.

They are arming themselves for the farms, they will take vengeance on them…

ווען מען פאָהרט פון ניו יאָרק מיט די אייזענבאהן, וואָס פיהרט נאָך די בערגיגע געגענדען, מוז מען נתפעל ווערען פון די ריעזיגע צאָהל אידישע פאסאזשירען; מענער, פרויען און קינדער, יונגע און אלטע; יארמולקע אידען, געגאָלטע אידען, אָנגעבלאָזענע אידען און אָבגעבלאָזענע אידען... ווייבער פון כל המינים: אין שייטלעך, אין האָרבענדער, אין היט מיט שטראוס־פעדערען און מיט אונטערגעבונדענע קאָפּ־טיכלעך.

אלע פערלאָזען ניו יאָרק.

עס איז א מאסען אויסוואנדערונג. אידען איז מיאוס געוואָרען די ענגע, פערשטיקטע גאסען, זיי האָבען ניט אייביג אזוי געלעבט, זיי זיינען אמאָל ערד ארבייטער, אקער בויער געווען. די הייליגע זומער־צייט וועקט זיי אויף פון גלות. דער פויגעל רופט, די גרינע בייטען ווינקען, א געפיהל פון דעם גאָלדענעם „פארצייטען" וואכט אויף און ציהט העט ווייט, ווייט אין פרייען, דער פערוואָגעלטער יתום קערט זיך אום ווידער צו דער מוטער נאטור...

אך, ווי שען עס פאנטאזירט זיך!

אין אמת'ן אָבער פאָהרט מען אויף די בערג עסען...

די לופט איז שטארק פערשטיקט אין שטאָדט,
מען קען ניט לייכט פערדייחען,
נו, מילא, איז פאראן א גאָט,
מען פאָהרט אין קאונטרי קאַיען.

זאל גרינען באַרג, זאל גרינען טהאָל,
דעם זומערס אינטערעסען —
דאס האָט אונז אליץ געפרייט אַמאָל,
יעצט פאָהרען מיר נאָר עסען.

דער בוים שמעקט אָן, די גראָז איז פריש,
די זונן שיינט חעל און חעלער,
דאָך אונז ליעגט נאָר אין זינען „טיש"
און בערג מיט פוללע טעלער.

און פראָבע אויפ'ן עסען פאנגט מען שוין אָן צו מאכען באלד אויף די אייזענבאהנען. פלוצלינג, „ווי גאָט מיט אונז" פאנגען אָן קריכען בייגעל פון די קעשענעס, קאָרענע קוכען מיט באנאנעס.

די גענעראל פראָבע ווערט געמאכט. עס ערשיינען אייער מיט זענעפט, געבראָטענע פופקעס, קעזלעך מיט זויערע אוגערקעס... „פינאטס" מיט „קאָרנד ביעף" און קאלוואריער „ספאָנדזש קייק" מיט גערויכערטע פלאָנדרעס.

When I travelled to the Catskills, next to me sat a Jew, skinny and long as a Hasidic sidelock, but he was a parvenu, he wore a panama hat and a gold watch. He looked at the mountains with a pair of hungry, eager eyes and sloppily chewed a hardboiled egg. His pointed goatee shook and white grains of salt fell from it...He travels to get fat in the mountains and, meanwhile, he learns how to eat...

-- There you must have appetite -- the Jew addressed me, pointing at the mountains.

-- Yes, the mountains are sublime, their splendor is indescribable.

-- But you do get hungry as you come there? -- my neighbor again begged pitifully.

-- The mountains stretch almost unbroken through New York, New Jersey, Pennsylvania and Virgina. In New York State they are called the Catskills, in New Jersey, they are called Blue Ridge and in Pennsylvania they are called the Alleghanies...

-- And everywhere, do summer lodgers go to catch up? the Jew asked picking his beard for pieces of yolk and pensively throwing it on my jacket.

-- These are not yet the highest mountains, the Rocky Mountains of Colorado are much higher. America has mountains that rise to fourteen thousand feet above sea level.

-- There people must really be stuffing themselves! -- my skinny travel companion said happily.

-- And the Adirondacks can't be ignored either. In those mountains there are still wild animals; President Roosevelt goes there to shoot bears...

דאָס פערמעסט מען זיך שוין אויף די פארמס, מען וועט זיך אָברעכענען מיט זיי...

איך געדיינק ווען איך בין געפאָהרען נאָך די קעטסקילס איז געזעסען נעבען מיר א דאר, לאנג אידעל ווי א חסידישע פאה, ער איז אָבער געווען אן אויפגעקומענער, ער האָט געטראָגען א פאנאמא הוט מיט א גאָלדענעם זייגער. ער האָט געקוקט מיט א פאָר הונגעריגע, זשעדנע אויגען אויף די בערג און האָט געקייט נאכלעסיג א הארטע איי. זיין שפּיציג בערדיל האָט זיך געשאָקעלט און עס זיינען פון איהר געפאלען ווייסע קערנער זאלץ... ע ר פאָהרט דאָס פעט ווערען אין די בערג און לערנט זיך דערווייל עסען...

— דאָרט מוז מען האָבען אפעטיט — האָט זיך דאָס אידעל געווענדעט צו מיר ווייזענדיג אויף די בערג.

— יאָ, די בערג זיינען ערהאבען, זייער פראכט איז ניט צו בעשרייבען.

— אָבער עס הונגערט, אז מען קומט דאָרט? — האָט זיך מיין שכן ווידער געבעטען מיט רחמנות.

— די בערג ציהען זיך מיט קארגע אונטערברעכונגען דורך ניו יאָרק, ניו דזשוירסי, פענסילווייניא און ווירדזשיניא. אין ניו יאָרק סטייט הייסען זיי די קעטסקילס, אין ניו דזשוירסי רופט מען זיי די „בלו רידזש“ אין פענסילווייניא הייסען זיי די „אללעגייני מאונטיינס“...

— און אומעטום פאָהרען זומער לאָזשערס זיך אָבכאפּען? האָט דאָס אידעל געפרעגט קאלופּענדיג פון באָרד שטיקלעך געלכיל און ווארפענדיג פערטראכטערהייט ביי מיר אויפ׳ן ראָק.

— דאָס זיינען נאָך ניט די העכסטע בערג, די „ראָקקי מאונטיינס“ פון קאָלאָראדאָ זיינען פיעל העכער. אמעריקא האָט בערג וואָס הויבען זיך אויף פיערצעהן טויזענד פוס איבער די אויבערפלעכע פון ים.

— דאָרטען מוזען דאָס מענשען אריינעסען אין זיך — האָט זיך מיין דארער באהנ־קאמעראד דערפרייט.

— און די אדיראָנדייקס זיינען אויך ניט אוועקצומאכען מיט די הענד. אין יענע בערג געפינען זיך נאָך פערשיעדענע ווילדע חיות, דער פרעזידענט רוזוועלט פאָהרט דאָרט שיסען בערען...

דאָס אידעל איז אנשוויגען געוואָרען. מיינע ערקלערונגען האָבען איהם, זעהט זיך, ניט שטארק אינטערעסירט. דער קאָנדוקטאָר האָט דערווייל אויסגעשריען „ליבערטי!“ „ליבערטי!“

ווען איך האָב זיך א כאפּ געטאָן האָב איך געזעהן, אז דער עולם איז אונטער דער צייט ניט געזעסען ליידיג. מען האָט געמאכט פראָבע מיט אלע קליפערלאך. אויף די ביינק פון די וואָגאָנען און אויף די דילען האָט אויסגעזעהן ווי נאָך א שלאכט. ביינער און ביינדלאך, שטיקלאך פלייש, אייער־שאָלעכץ, באנאנא־שאָלעכץ, אָרענדזש־שאָלעכץ, פינאטס־שאָלעכץ, ציבעלע־שאָלעכץ, שטיקער אידישע צייטונגען געל פערפיאטשקעט א חלשות... „יונידא ביסקיטס“ און פערשיעדענע פאפירענע אויסגעליידיגטע קעסטלאך... אין מיטען — א פערבלאָנדזשעטע ווינדעלע, וואָס א קינד האָט פערלאָרען... א יארמולקע פלאָנטערט זיך אונטער די פיס.

איך בין אריין אין ליבערטע א פערוואונדערטער, וועלכע [illegible] ביי אידען!

The Jew fell silent. My explanations, apparently, didn't interest him very much. The conductor meanwhile shouted: "Liberty! Liberty!"

When I came to, I saw the crowd didn't waste time. They rehearsed down to the last prop. The benches of the cars and the floors looked like the aftermath of a battle. Big and little bones, pieces of meat, eggshells, banana peels, orange peels, peanut shells, onion peel, pieces of Yiddish newspapers smeared yellow, something awful...Uneida Biscuits and empty paper boxes...In the middle -- a forlorn diaper lost by a baby...A yarmulke gets under your feet.

I walked into Liberty amazed: what stomachs the Diaspora has developed among the Jews!



## DOVID EDELSHTAT
## (1866-1892)

[also: David Edelstadt]

Born in Kaluga, Russia proper, outside the Jewish Pale of Settlement. His father, a veteran "Nicolai soldier" (i.e., served in the Russian army for 25 years and thoroughly Russified), worked as a policeman and in a saw-mill. There were very few Jews in Kaluga and the language at home was Russian. Edelshtat studied Russian literature with a private tutor, began writing Russian poetry at the age of 9 and published poems in the local newspaper at 13. In 1880, he moved to Kiev, where he had several brothers and half-brothers. He was influenced by the Russian revolutionary movement. He witnessed the pogrom in Kiev in 1881 and, with an older brother, joined the **Am Olam** ["Eternal People" as well as "World People"] movement, propagating immigration to America and the establishment of communes there. Since there was no money for such settlements, he came to his two brothers in Cincinatti, Ohio, and worked as a button-hole maker. He studied English and was influenced by the American anarchist movement. The "Haymarket Affair" in Chicago in 1886 and the hanging of four anarchists in 1887 shattered his calm. He published several radical poems in Russian, moved to New York, and wrote his first Yiddish poem, "Tsu der Varhayt" ("To Truth"), for the first issue of the Yiddish anarchist newspaper, *Die Wahrheit* ["Truth"], February 15, 1889. Published poems and articles in New York and London radical newspapers (also under the pseudonym "Paskarel"). In 1890, at the age of 24, became editor of the anarchist weekly newspaper, *Fraye Arbeter Shtime* [*F.A.Sh.*,"Free Workers' Voice"]. His poems on topical issues appeared on the first page of the paper, along with articles and caricatures. In 1891, suffering from consumption, Edelshtat went to Denver, Colorado, but the support of workers and family was barely enough for sheer survival. He died and was buried in the "Workmen Circle" cemetery in Denver.

Edelshtat was a legendary figure, beloved by workers; his poems became popular songs, sung in sweatshops and on picket-lines. His poetry and biography embodied a suffering revolutionary romanticism which had wide appeal. He was admired by several generations of Yiddish poets and dozens of poems and several books were written in his memory. His collected works were published in London in 1910 and, in an academic edition, in Moscow in 1935.

### The Jewish Proletarian

(Sung to the melody of the Russian revolutionary song, "Vy zhertvoyu pali")

### צום ייִדישן פּראָלעטאַריער

(געזונגען מיטן מאָטיוו פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן ליד „ווי זשערטוואָי פּאַלי...״)

ברידער, מיר טראָגן אַ דרײַפאַכע קייט —
אַלס יידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער ;
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און הענקער.

עס דריקט אונדז אין רוסלאַנד דער ווילדער קאַצאַפּ,
און דאָ, אין דער פרייער מדינה,
פאַרקערקערט מען אונדז אין דעם פינצטערן שאַפּ,
וואו מיר בלוטיקן ביי דער מאַשינע.

Brothers, we carry a threefold chain --
As Jews, as thinkers, as slaves;
We are persecuted, tormented to death
By antisemites and knaves!

In Russia oppressed by the wild *Katzap*
And here, in the free land,
Bleeding, in a dungeon, a dark shop,
At the machine we stand!

די בלימעלעך יונגע, וואָס פאַנגען ערשט אָן
צו לאָזן די אײדעלע קווייטן,
ווערן צעטראָטן פון געלטזעק און טראָן,
פאַרמאַטערט אין שקלאַפן־קייטן!

מען מאַכט אונדז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונדז פאַר קנעכט,
מען ווערגט אונדז, מען בויגט אונדז אין דרייען;
מען זאָגט אונדז: אַלעם דאַרף זיין פאַר אייך רעכט,
און רויבט מען אייך — טאָרט איר ניט שרייען.

דאָך, ברידער, עס לעבט נאָך דער הייליקער גייסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ העלד אויך דעם שלאַפן;
וואָס וואַרפט אום די קערקערס,*) די קייטן צערייסט,
און באַפרייט די פאַרמאַטערטע שקלאַפן!

ער וועט אונדז העלפן, פון דרייפאַכן פלוך
די אַרבעטער מאַסע דערלייזן;
נאָר דאַן וועט די מענטשהייט איר טאָג־בוך
אָן טרערן, אָן שאַנד קענען לעזן.

ברידער, מיר מוזן די לײדנדע ערד
פון קייטן, פון טרערן באַפרייען!
שולטער־אָן־שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קעמפנדע רייען!

וואָס שווערער דער קריג, אַלץ זיסער דער זיג,
אַלץ פראַכטפולער זיינען די פּירות;
און ווער עס פאַלט אין פרייהייטס־קריג,
דער לעבט אין די קומענדע דורות!

וואָס טויג אונדז דאָס לעבן אָן פרייהייט, אָן רעכט,
אונטערן בייטש פון טיראַנען?
ביז וואַנען וועלן מיר בלייבן נאָך קנעכט,
היימלאָזע שקלאַפן — ביז וואַנען?!

ברידער, שווערט: די פאַרבלוטיקטע ערד,
דאָס פאָלק פון טיראַנען באַפרייען!
שולטער־אָן־שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קעמפנדע רייען!

---

*) קערקערס — תּפיסות, טורמעס.

Delicate flowers, starting to bloom,
Are harnessed in binding reins,
Trampled by moneybags and thrones,
Chafing in slave chains!

They make us beggars, they make us slaves,
They choke us, they wring us out;
They say: This is what is right for you,
If you're robbed -- forbidden to shout!

But, brothers, the holy spirit still lives,
Even the weak will be brave!
It tumbles the dungeons, breaks the chains
And frees the weary slave!

It will help us free the working masses
From the threefold chain;
Only then, man will read his diary
With no shame, no pain!

Brothers, we must free the suffering earth,
For us, we need no thanks!
Shoulder to shoulder, with armor and sword,
Forward in the battle ranks!

The harder the war, the sweeter the triumph,
Splendid the jubilations!
And he who falls in the fight for freedom,
Lives in future generations!

Who needs a life without freedom or right,
Under the tyrant's whip!
How long will we be homeless slaves,
How long in their deadly grip?!

Brothers, swear to the bloody earth,
To free the folk from its foes!
Shoulder to shoulder, with armor and sword,
Forward in the battle rows!

December 12, 1890



Harshav

## To the Working Women

Dedicated to the "Women Workers' Organization"

# צו די אַרבעטער פרויען

(געווידמעט דער „אַרבעטער פרויען אָרגאַניזאַציע”)

אַרבעטער פרויען, ליידנדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז און פאַבריק,
וואָס שטייט איר פון ווייטן? וואָס העלפט איר ניט בויען
דעם טעמפּל פון פרייהייט, פון מענטשלעכן גליק?

העלפט אונדז צו טראָגן דעם באַנער דעם רויטן
פאָרווערטס, דורך שטורעם, דורך פינצטערע נעכט!
העלפט אונדז דעם אמת און ליכט צו פאַרברייטן
צווישן אומוויסנדע, עלנטע קנעכט.

העלפט אונדז די וועלט פון איר שמוץ צו דערהויבן,
אָפּפּערט, ווי מיר, מיט אַלץ וואָס אייך איז ליב;

מירן קעמפן צוזאַמען, ווי מעכטיקע לייבן
פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט, פאַר אונדזער פּרינציפּ!

ניט איין מאָל האָבן שוין נאָבעלע פרויען
געמאַכט ציטערן הענקער און טראָן:
זיי האָבן געציינגט, אַז מען קען זיי פאַרטרויען
אין ביטערסטן שטורעם די הייליקע פאָן.

דערמאָנט זיך אָן אייערע רוסישע שוועסטער,
דערמאָרדעט פאַר פרייהייט פון צאַר, דעם וואַמפּיר,
פאַרמאַטערט ביז טויט אין די שטיינערנע נעסטער,
באַגראָבן אין שניי פון דעם וויסטן סיביר.

געדענקט איר די נעמען, די הייליקע נעמען:
פּעראָווסקאַיאַ, העלפמאַן, גינזבורג *) און נאָך — —
טויזנטער, וואָס פלעגן זיך שעמען
צו טראָגן געהאָרכזאַם דעם שקלאַפּניאָך!

זיי זיינען אין שטורעם אַזוי העלדיש געשטאַנען,
געטראָגן אין פינצטערניש האָפענונג און ליכט!
ראַכע (נקמה) גענומען פון ווילדע טיראַנען,
שטאָלץ געקוקט דעם טויט אין געזיכט!

געדענקט איר זיי? דאַן זאָל זייער לעבן
באַגייסטערן אייך! איר זאָלט מיט דערפאָלג
לערנען און דענקען, קעמפן און שטרעבן
צו פרייהייט און גליק פאַר דעם אַרבעטער-פאָלק!

*) סאָפיאַ (לוואָוונאַ) פּעראָווסקאַיאַ (1854—1881), האָט געשטאַמט פון הויכן רוסישן אַדל. ווערט יונג טעטיק אין דער פאָלקיסטישער באַוועגונג און געהערט צום אויספיר-קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. פירט דורך דעם אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2טן. (1 מערץ, 1881). שטאַרבט אויף דער תליה.

העלפמאַן, סאָניע, יידישע נייטאָרין פון מאזיר, מינסקער גובערניע, ווייס-רוסלאַנד. אַנטלויפט פון טאַטע-מאַמע קיין קיִעוו. העלפט צוגרייטן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן. דאַרף גיין צו דער תליה, נאָר שטאַרבט אין טורמע, 1882.

גינזבורג, סאָפיע, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער שליסעלבורגער פעסטונג.

1891.

Working women, suffering women,
Languish at home or in shop's abyss,
Why stand at a distance? Why don't you help build
The temple of freedom, of human bliss?

Help us bear the red banner high,
Forward through storm, through the dark night!
Help us spread, among ignorant slaves,
The message of truth and light!

Help us raise the world from its filth,
Sacrifice all that to us is dear,
Like lions, fight together for freedom,
Equality, principles, have no fear!

Not once have noble women put fear
In a throne, a hangman, a moneybag,
They showed that in the bitter storm
You can trust them to bear the holy flag.

Always remember your Russian sisters,
Murdered for freedom by the vampire tsar,
Tortured to death in cells of stone,
Buried in snow of Siberia far.

Remember the names, the holy names:
Perovskaya, Helfman, Ginzburg and more,
Thousands ashamed to carry on
Obediently the yoke as before.

Women heroes, they stood in the storm,
In darkness they bore hope and light!
They took vengeance on wild tyrants,
Looked in death's face, proud and upright.

Remember them? If you do, let their lives
Inspire you! With success shall you pass,
Learn and think, fight and strive
For freedom and bliss for the working class!



(F.A.S., May 8, 1891)

Harshav

## דער „מיינער“.

(קאָהלענגרעבער).

1.

ווען איהר ווארמט זיך, ברידער, ביי דעם פרעהליכען פייער,
פערטהיידיגט פון רעגען אונד ווינד,
צו דענקט איהר א מאל, וויא שרעקליך טהייער
עס קאסט יעדער קאהל אונז א צינד?

2.

צו דענקט איהר א מאל, אז מיר צאהלען צו גוט?
איהר זעהט דיעזע גליהענדע אשעם? —
זיי זיינען געפארבט מיט מענשליכען בלוט
פון טויזענדער יונגע נפשות!

3.

דער פייער פלאקערט פרעהליך אונד שעהן,
דאך ציטטערט אין מיר יעדער אבר,
איך וויים, יעדער קאהל איז א מצבה־שטיין
פון אן ערמארדעטען „מיינער׳ס“ קבר.

4.

דאך ניין, דאס זיינען קיינע טוידטע שטיינער,
דאס ברענט א בלוטיגער בארג
פון ארבייטער ביינער, ארעמע ביינער —
דיא קאהלענגרוב וואר זייער זארג!

5.

ברידער, קענט איהר דאס שרעקליכען לעבען
פון א פערשקלאפטען „מיינער“?
זאגט, צו עס קאן אין דער וועלט נאך געבען
א פינסטערער שיקזאל וויא זיינער?!

6.

ער ארבייט פון קינדהייט אין דער ערד בעגראבען,
פאר׳ן קארגען שטיקעלע ברויט,
און דאס קאנן ער אויך נישט איממער האבען,
אונד ליידט נאך הונגער אונד נויטה!

7.

מיט זיין איינענעם קינד איז ער ווענינ בעקאנט,
פארטאג נאך פערלאזט ער זיין שטוב,
אונד איילט צו דער ארבייט, צו דער שקלאפען שאנד,
אין דער קאלטער, פינסטערער גרוב!

8.

ער ארבייט אונד ארבייט אין זיין דונקלען געצעלט,
פיר דיא רייכע אייזענבאהנען,
פיר אללע דענקער אונד קינסטלער דער וועלט,
פיר אללע זאטטע טיראנען!

## The Miner

Warming yourselves at the jolly fire,
Sheltered from wind and from rain,
Do you think, brothers, how terribly dear
Each piece of coal is to gain?

Do you ever think that the price is too high?
You see these embers before your eyes? --
They are dyed with the human blood
Of thousands of young guys!

The fire blazes cheery and bright,
But my limbs shiver in gloom.
For every coal is a gravestone black
On a murdered miner's tomb.

But no, those are no dead stones,
This fire's a bloody shrine,
A black mountain of workers' bones --
A coffin of coal was their mine!

Brothers, do you know the terrible life
Of a miner, flesh and bone?
Tell me, can there be in the world
Such a dark lot as his own?

From childhood he slaves, buried in the earth,
For the paltry piece of bread,
And even this not every day --
He suffers from hunger and dread!

His very own child he hardly knows:
He leaves his home at dawn
And runs to work, to slavery's shame,
In the cold dark pit, a pawn!

He works and works in his dark cave
For the railroad pirates,
For all the thinkers and artists of the world,
For all the sated tyrants!

9.

ער ארבייט זיין לעבען אין שרעק אונד געפאהר,
לעבעדיגערהייט זיין פערשאטען...
אונד וואס איז זיין לאהן? ער ווערט דערפאר
גערויבט! מיט דיא פיס געטראטען!!

10

קאהלען־באראנען, רויבער־באנדע!
איהר שעכט אונד בלייבט גערעכט...
אויב איהר זייט מענשען, איז א שאנדע
בעלאנגען צום מענשען־געשלעכט!

11.

דאן שטעהען דיא ווילדע טהיערע פיעל העכער
אין הומאניטעט וויא איהר,
א טהיער איז ניעמאלס א פערברעכער
געגען זיין ברודער־טהיער.

12.

איין לייב וועט דעם צווייטען לייב נישט טוידטען,
אונד מענשען—קרוין דער נאטור—
מענשען פרעססען איינער דעם צווייטען,
ביז עס בלייבט פון זיי קיין שפור!

13.

ווען איהר ווארמט זיך ברידער, ביי א פרעהליכען פייער,
פערטהיידיגט פון רעגען אונד ווינד,
דענקט פון דעם „מיינער"! דענקט, וויא טהייער
עס קאסט יעדער קאהל אונז אצינד!

14.

דענקט פון דעם „מיינער", פון זיין פרוי אונד קינד,
פערשקלאפט ביי דיא גאלדענע געטטער,
זעהט, וויא זיי ווערען ערמארדעט וויא הינד,
אונד האבען כיין פריינד אונד קיין רעטטער!

15.

אונד, ווען איהר האט נור א ביסעלע מוטה,
וואכט אויף, גרייפט צו דיא וואפפען,
אונד מיט אייער הערץ אונד בלוט
פערטהיידיגט דיא ליידענדע שקלאפען!



He works his life in danger and fear,
Buried in a pit dark and damp...
And what is his wage? For that he is robbed!
Over his body they tramp!!

Coal barons, you robber gang!
You slaughter and turn your face...
*If you are human, it is a shame*
*To belong to the human race!*

For the wild beasts are much higher,
Are more human at least,
A beast is never a criminal
Against his own brother beast.

One lion will not kill another,
And men -- the crown of nature --
Men devour one another
And leave no trace of the creature!

Warming yourselves at the jolly fire,
Sheltered from wind and from rain,
Think of the miner! Think how dear
Each piece of coal is to gain!

Think of the miner, of his wife and child,
Enslaved by the golden gods,
See how they are murdered like dogs
With no friend, no savior, no odds!

And if you have just a morsel of courage,
Wake up, take the weapon, be brave!
With your throbbing heart and with all your blood
Defend the suffering slave!

February 14, 1890

## דער קינדער-מערדער *)

(אַ בילד פון לעבן)

אין אַ קאַלטער, פינצטערער ווינטער-נאַכט,
איז אין הויז צום דאָקטאָר גראַן
אַריינגעקומען בלאַס און פאַרשמאַכט
אַן אָרעמער יונגערמאַן.

דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל? —
ער האָט געשוויגן אַ פּאָר סעקונדן,
און האָט מיט טרערן, טרויעריק, שטיל,
אַנטדעקט (אַנטפּלעקט) פאַר אים זיינע וואונדן.

— „איך בין אָרעם, דאָקטאָר, שרעקלעך אָרעם!
איך האָב אַ פרוי און קינדערלעך צוויי;
מיר לעבן אינאיינעם אין אַ פינצטערן קבר,
וואו די ווענט זיינען באַדעקט איצט מיט שניי . . .

"איך בין אין אַ סטרייק שוין אַ מאָנאַט פיר,
און קען קיין סענט ניט פאַרדינען;
דער לענדלאָרד קומט יעדן טאָג צו מיר —
כ'גיי שיער ניט אַראָפּ פון זינען.

„דאָך, דאָקטאָר, איך בין ניט געקומען צו אייך,
איר זאָלט אַ נדבה מיר געבן.
כאָטש איך בין אָרעם און איר זייט רייך, —
דאָך האָב איך קיינמאָל געבעטלט אין לעבן.

„אָ, ניין! איך קום עטוואָס אַנדערש בעטן,
אָ! ווי עס בלוטעט מיין הערץ!
דאָקטאָר, איך וויל איר זאָלט אונדז רעטן
פון אַ נייעם אומגליק און שמערץ.

„ביז איצט האָבן מיר מיט צוויי קינדער געליטן
שרעקלעכן הונגער און קעלט;
און גיך וועט מיין פרוי ברענגען אַ דריטן
אומגליקלעכן שקלאַף אויף דער וועלט.

„ברענגען אויף אייביקע שמערצן און ליידן,
אויף דעם בלוטיקן יאַגד נאָך ברויט!
איך וויל . . . איך מוז דעם אומגליק פאַרמיידן,
אָ, דאָקטאָר, העלפט מיר אין נויט!

*) אויך באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „דר. גראַן". דאָס ליד פלעגט אָפט געלעזן און דעקלאַמירט ווערן אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אין די 80ער און 90ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

## The Child-Murderer

An original image from life

On a cold, dark, winter night,
In the office of Dr. Gran,
Pale and languid, entered
An impoverished young man.

The doctor asked him why he came.
For a moment he was mute and scared.
And in tears, sad and quiet,
To the doctor his wounds he bared:

"I am poor, doctor, terribly poor!
I have a wife and two children. The cost:
We live together in a dark grave,
Where the walls are covered with frost...

"For four months now, I've been on strike
And I cannot make a cent;
Every day I go out of my mind --
And the landlord wants his rent.

"Yet, doctor, I did not come to you
For charity for me and my wife.
Though I am poor and you are rich,
I've never begged in my life!

"I come to ask for something else...
Oh, my heart bleeds inside me!
Doctor! I ask you to save us
From a new calamity!

"Till now, with two children, we've suffered
Terrible hunger and strife,
And soon my wife will bring forth a third
Miserable slave into life!

"Bring forth -- for eternal suffering and pain,
For the bloody pursuit of bread!
I came...I must prevent this misfortune,
Oh, doctor, help me!" he said.

„אַ שקלאַפ׳ס אַ קינד, חוץ קייטן און שמערץ,
וואָס וועט אים די וועלט געבן?
עס וועט פאַרשעלטן זיין פאָטערס הערץ,
וואָס האָט אים געגעבן דאָס לעבן?

„עס דערוואַרטעט אים די בעטלער־שאַנדע,
דעם הונגערס אייזערנע רוט,
וואָס טרייבט פאַרקויפן צו דער רויבער־באַנדע
אונדזער פרייהייט, אונדזער בלוט.

„אָ, דאָקטאָר! עס איז נאָך צייט אַצינד
דעם פונק פון לעבן דערשטיקן.
צו וואָס זאָל נאָך אַן אומשולדיקעס קינד
די פינצטערע וועלט אָנבליקן?"

פאַרטראַכט האָט זיך דער יונגער דאָקטאָר גראַן
אַרומגעשפּאַנט אין זיין חדר;
ער האָט באַטראַכט דעם אָרעמען מאַן
אין זיינע צעריסענע קליידער.

זיינע שוואַרצע הענט, זיין בלאַסן שטערן,
זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ;
און ווי עס קייקלען זיך גרויסע טרערן
פון די טרויעריקע אויגן אַראָפּ.

— „יונגערמאַן, איך האָב מיטלייד מיט אייך,
איר ווילט באַגיין אַ גרויסן פאַרברעכן;
איך וואָלט געקענט אַרעסטירן אייך גלייך,
נאָר איר זייט יונג, און איך רעכן,

„אַז איר וועט מער דערפון ניט דענקען;
גייט צו די וואָס זיינען רייך,
זיי וועלן אייך אַ פּאָר דאָלער שענקען
און האָבן מיטלייד מיט אייך".

אויף דעם בלאַסן געזיכט פון אָרעמען מאַן
האָט געשפּילט אַן איראָנישער שמייכל;
דערשטוינט איז געוואָרן דאָקטאָר גראַן:
„דער מאַן האָט פאַרלאָרן זיין שכל!"

"A slave child, what will the world
Give him aside from a chain?
He will curse his father's heart,
That gave him a life of pain!

"What awaits him is the beggar's shame,
The curse of famine's flood,
That drives us to sell to the robber gang
Our freedom and our blood!

"Oh, doctor! It is not yet too late
To choke life's approaching spark.
Why should another innocent babe
Come into this world so dark?"

Pensive, young Doctor Gran
Paced up and down his room,
He looked at the impoverished man
In his torn clothes, in his doom,

His black hands, pale brow,
His bowed, dejected head,
And the big tears rolling down
From his eyes, gloomy and red.

"Young man, I sympathize with you!
You want to commit a crime,
I could have you arrested at once,
But you're still in your prime --

"I hope you won't think of it again!
Go to those who have got,
They will give you a few dollars
And have pity on your lot!"

On the pale face of the poor man
Played a smile, ironic and blind;
Doctor Gran was flabbergasted:
"The man has gone out of his mind!"

„גיין צו די רייכע, צו די רויבער פון ליכט!
צופיל גיפט איז שוין אין מיין בעכער;
ניט מיך — די רייכע שלעפט צום געריכט!
זיי זיינען די וואַרע פאַרברעכער.

„פון אונדזער בלוט זיינען זיי רייך!
און ווען ניט די דיקע, רייכע לאָרדן,
וואָלט ניט געבעטן אַ פאָטער ביי אייך
זיין אייגן קינד דערמאָרדן!

— „גיי צו די רייכע!" איר זייט ניט קיין שלעכטער,
איך דאַנק אייך, דאָקטאָר גראַן!"
און מיט אַ בייסנדן געלעכטער
איז אַוועק דער יונגער מאַן.

ווידער אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט;
ביי אַ פייער אויף אַ דיוואַן,
זיצט איבער אַ בוך פאַרטראַכט
דער יונגער דאָקטאָר גראַן.

פלוצלונג הערט ער אַ געשריי:
„עפנט די טיר, דאָקטאָר גראַן!"
און בלאַס ווי דער טויט, באַדעקט מיט שניי,
לויפט אַריין דער אָרעמער מאַן.

„דאָקטאָר! פאַרלירט ניט קיין מינוט,
מיין פרוי, זי שטאַרבט אַוועק!"
דער דאָקטאָר נעמט זיין ראָק און הוט,
און זיי גייען שנעל אַוועק.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אַ קליינעם צימער, ביי אַ שיין פון אַ ליכט
האָט דער דאָקטאָר גוט באַטראַכט:
אַ יונגע פרוי מיט אַ דאַרן געזיכט,
שוואַרץ ווי די פינצטערע נאַכט.

לעבן איר זיינען געלעגן צוויי קינדער
און האָבן געציטערט פון קעלט.
אָ, ווי גליקלעך איז דער בלינדער
אין דער פאַראומגליקטער וועלט!

"'Go to the rich!' To the robbers of light!
I have poison enough in my cup!
Not me -- the rich must be dragged into court,
The criminals are higher up!

"They've grown rich sucking our blood!
If not for the lords, fat and wild,
A father would not be begging you
To murder his own child!

"'Go to the rich!' You're not a bad guy,
I thank you, Doctor Gran!"
And with a caustic laughter,
Exit the young man.

Again a cold winter night:
At a fireplace, on a divan,
Sitting pensive with a book,
The young Doctor Gran.

Suddenly he hears a cry:
"Open the door, Doctor Gran!"
And pale as death, covered with snow,
In runs the poor man.

"Doctor! Not a minute to lose,
My wife is breathing her last!"
The doctor fetches his coat and hat,
And both of them run out fast.

......................................

In a tiny room, by the light of a candle,
The doctor regarded the sight:
A young woman with a sunken face,
Black as the darkness of night.

Next to her lay two children
Shivering with cold and curled...
Oh, how happy are the blind
In this unhappy world!

— וואָס האָט איר דאָ מיט דער פרוי געמאַכט!
האָט געשריען דאָקטאָר גראַן.
— איך האָב צו איר נעכטן אַ דאָקטאָר געבראַכט,
האָט געענטפערט דער אָרעמער מאַן.

„ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט דאָס קינד . . .
— דאָך, דאָקטאָר, וואָס איז איצט מיט איר?..״
— זי און דאָס קינד זיינען טויט אַצינד,
און דער שרעקלעכער מערדער זייט איר!

"What did you do to the woman!"
Screamed at him Doctor Gran.
"Yesterday I brought a doctor to her,"
Answered the poor young man.

"He promised me to take care of the child...
Yet, doctor, what happens to her?"
"She and the child are both dead,
And you're the terrible murderer!"

— אָ, דאָקטאָר, רעטעט! רעטעט זיי!
— צו שפּעט! עס איז אַלעס פאַרפאַלן.

און דער עלנטער איז מיט אַ ווילד געשריי
טויט צו דער ערד געפאַלן.

"Oh, doctor, save! Save them both!"
"Too late! They are no more!"
And with a wild scream, the wretched man
Fell dead upon the floor.

May 23, 1890

# אויגוסט שפּיז

רואיק און שטאָלץ, ווי דער גרויסער ס אָ ק ר אַ ט,
איז ער אויף דעם גאַלגאַן געשטאַנען;
זיין יעדעס וואָרט איז געווען אַ טאַט,
אַ טויטשלאַג פאַר ווילדע טיראַנען!

זעלטן האָט זיך העלדישער, העכער,
דערהויבן אַ מענטשלעכער גייסט!
בלאַס זיינען געוואָרן די הענקער־פאַרברעכער, —
ער — אומדערשראָקן און דרייסט!

פון שרעקלעכן גאַלגאַן (תליה), ווי פון אַ טריבונע,
ווי אַ באַגייסטערטער פּראָפעט,
האָט ער מיט דעם פייער פון דער שטאָלצער קאָמונע
צו זיינע מערדער גערעדט:

„עס וועט קומען אַ צייט, ווען פון אונדזערע זאַרגן,*)
וועט זיך דערהויבן אַ מעכטיק קול,
שטאַרקער פון דעם, וואָס איר ווילט איצט דערוואַרגן,
מעכטיקער, שלאָגנדער טויזנטער מאָל!״

דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון שפּיז . . .
הענקער, וואָס האָט איר דערפון?
האָט איר פאַרניכטעט דעם גייסטיקן ריז?
האָט איר פאַרלאָשן די זון?

*) זאַרגן (זאַרג — אָרון, טרונע). ד. ע. האָט דאָס דייטשישע וואָרט זאַרג באַנוצט פיל מאָל.

**August Spies**

Calm and proud, like the great Socrates,
He stood on the gallows, inspired,
His every word was a holy deed,
A death blow for every tyrant!

Seldom has a human spirit
Risen so heroically high!
The hangmen are pale, the criminals wan,
He is brave, facing the sky!

From the terrible gallows as from a stage,
A prophet inspired and proud,
With the fire of the Paris commune
He spoke to the murderous crowd:

"A time will come when, from our graves,
A mighty voice will arise,
Stronger than the one you want to choke,
A thousand thunders in the skies!"

These were the last words of Spies.

Hangmen, you killed the one!
Did you destroy the spiritual giant?
Did you extinguish the sun?

א, ניין! מאַרטירער לעבן! — און דער זינגער
פילט איצט זיין פריי געמיט:
ער באַרירט איצט זיין האַרפע מיט הייליקע פינגער,
ער זינגט מיר דאָס הייליקע ליד!

און איך זע: די זון ברעכט דורך די טומאַנען,
די פינצטערניש זינקט צום גרונט, —
דער שקלאַף וואַכט אויף! ציטערט, טיראַנען!
עס שלאָגט אייער לעצטע שטונד!

עס קומט דער פרייער, דער ליכטיקער מאָרגן,
ווען עס וועט זיך דערהויבן אַ מעכטיק קול —
שטאַרקער פון דעם, וואָס איר האָט איצט דערוואָרגן,
מעכטיקער, שלאָגנדער טויזנטער מאָל!..

Oh, no! The martyrs live -- and the singer
Takes his free spirit along:
He touches his lyre with holy fingers,
He sings me his holy song!

And I see: the sun breaks through the fog,
Darkness descends to the ground --
The slave wakes up! Tremble, you tyrants,
Your last hour will sound!

The free shining morning is here,
A mighty voice will arise,
Stronger than the one that you just choked,
A thousand thunders in the skies!...

*F.A.Sh.*, October 10, 1890

## לואיס לינג *)

ער שטייט פאַר מיר אין אַ שטראָם פון ליכט
אויף דער וועלטס פאַרבלוטיקטער בינע;
עס רוט אויף זיין וואונדערשיין געזיכט
דער פרייהייטס הייליקע שכינה.

יונג און קרעפטיק, אין שוואַרצע לאָקן,
מיט אַ שאַרפן אָדלער-בליק;
ווי ב ר ו ט ו ס שטאָלץ און אומדערשראָקן*)
איז ער געווען אין פרייהייטס-קריג.

ווי מעכטיק האָט געדונערט זיין שטימע,
געבראַנדמאַרקט דעם פאַלשן געריכט!
וואָס פאַר אַ וואַרהייטן ביטערע, שלימע, —
געשליידערט דעם פיינט אין געזיכט! —

*) לואיס לינג — איינער פון די פאַר'משפט'ע שיקאַגאָר אַנאַרכיסטן פון יאָר 1886—1887. ער איז דעם 10טן נאָוועמבער 1887 (אַ טאָג איידער די אַנדערע 4 פאַר־משפטע אַנאַרכיסטן זיינען געגאַנגען צו דער תליה) געטויט געוואָרן, דורך מאָרד, אָדער — ווי מען דענקט — דורך זעלבסטמאָרד, אין זיין טורמע־צעל דורך אַ דינאַמיט־אויפרייס אין אייגענעם צעל.

## Louis Lingg

He stands before me in a flood of light
On the world's bloodied stage;
Freedom's divine halo rests
On his beautiful face of a sage.

Young and strong, with black locks,
With an eagle's sharp gaze;
As proud and daring as Brutus,
He was in freedom's blaze!

A lion in battle -- his hero's breast
Was endowed with the heart of flowers
That knew how to love with a holy love
Whatever's sublime, never cowers.

„טיראַנען! איך האָס אייך מיט אייער געזעץ,
מיט די פינצטערע סטאַטוען,
וואָס פאַנגען דאָס אָרעמע פאָלק אין נעץ
און צווינגען אים ליידן און בלוטן!

„איך זאָג אייך אָפן: איך גלויב אין קראַפט,
אין קראַפט פון די אַרבעטער-רייען!
געוואַלד האָט אונדזער וועלט פאַרשקלאַפט
און געוואַלד וועט זי באַפרייען!

„איר לאַכט — איר דענקט: „וואַרט, ברודער, וואַרט,
מיר וועלן דיין שטימע דערשטיקן, צעשטערן",
— מערדער! דערשטיקט מיך! אַ צווייטער וועט באַלד
אויף מיין הייליקן פּאָסטן זיך שטעלן!

— — — — — — — — — — — — — — —

צי אים האָבן דערמאָרדעט די אונטערדריקער,
אָדער ער אַליין מיט זיין פרייער האַנט
האָט צעשמעטערט זיין שטאָלצן קאָפּ אויף שטיקער —
דאָס איז אונדז אומבאַקאַנט. —

נאָר לינג איז ניט טויט . . . אויף די קאַמף-באַריקאַדן
שוועבט נאָך זיין גייסט, און איר הערט,
ווי ער שרייט צו אונדז: „פאָרווערטס, קאַמעראַדן!
פאָרווערטס מיט פאַנצער און שווערד!

*) ברוטוס — העלד און קעמפער פון אַמאָליקן אַלטן רוים. ווערט געשיל-
דערט ווי אַ מאַן מיט פעסטן ווילן און שטאַרקן האַרץ. האָט געקעמפט קעגן טיראַנען.

How mightily his voice thundered,
Branding the court so base!
What bitter, ugly truths
He hurled in the enemy's face!

"Tyrants! I hate you and your law,
With the dark statutes you breed,
That ensnare the poor folk in a net
And force them to suffer and bleed.

"I tell you frankly, I believe in force
Of the workers who want to be!
*Power has enslaved our world*
*And power will make it free!*

"To your bloody, murdering cannons
We shall respond with dynamite!
We shall destroy the chains and the thrones
With our gigantic might!

"You laugh: 'Just wait, brother,
We shall choke your impertinent voice.'
Murderers! Choke me! Another will soon
Take up my place and rejoice

"And will continue the holy cause
With more fire and iron will!
Tyrants, he will take vengeance on you
For the innocent blood that you spill!

"I condemn your murderous attempt
To stifle the free thinking men!
I hate you, I send you a triple curse!
Hang me for that, you hangmen!"
.......................................
.......................................

Whether he was murdered by the oppressors
Or that his own free hand
Smashed his proud head to pieces --
It is not known in the land. --

„אונדזער רויטע פאָן מוז ווערן נאָך רויטער
אין דעם לעצטן פרייהייטס-קריג !
די קברים פון קעמפער זיינען הייליקע לייטער,
וואָס פירן צו פרייהייט און גליק !”

אַזוי זאָגט אונדז לינג, זיין שטימע דונערט
און וועקט אונדז צו אונדזער פליכט !
און די זון פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
שיינט אויף זיין שטאָלצן געזיכט.

But Lingg is not dead...On the barricades
His spirit still hovers; you hear
How he calls to us: "Forward, comrades!
With armor and sword, re-appear!

"Our red banner must grow even redder
In the last freedom's strife!
The graves of fighters are holy ladders,
To freedom and happy life!"

So says to us Lingg, his voice thunders
And wakes us to duty and grace,
And the sun of the *twentieth* century,
Shines on his proud face...

*F.A.Sh.*, October 24, 1890

## מײַן טרױם

איך האָב געטרוימט פון ווייסע בלומען,
ווייס, ווי געפאַלענער שניי ;
זיי זיינען אין מיין צימער געקומען,
איך ווייס ניט, ווי אַזוי.

זיי האָבן מיט זיידענע קווייטן באַרירט
שטיל מיין הייסן שטערן ;
איך האָב אויף מיין קראַנקער ברוסט געשפּירט
זייערע פּערל-טרערן.

איך האָב געפילט, ווי פון יעדער בלום
גיסט זיך אַריין אין מיין האַרצן
אַ וואונדערבאַר-זיסער פּאַרפיום —
וואָס היילט מיינע אַלע שמערצן.

אין פענצטער צו מיר האָט אַריינגעבליקט
די שיינע, בלאַסע לבנה.
איך פרעג זי : ווער האָט מיך באַגליקט
מיט דער גן-עדן מתנה ?

## My Dream

I had a dream of white flowers,
White as the falling snow;
How they got into my room,
I truly do not know.

With silk petals, they quietly touched
My hot brow, it appears,
And inside my sickly chest
I felt their pearl-tears.

I felt how from every flower
Pours into my heart
A wonderful sweet fragrance
With its healing art.

Into my window peered so white
The beautiful pale moon,
I asked her: Who brought the heavenly gift
To my bed so soon?

זי קוקט מיך אָן מיט די זילבערנע שטראַלן
און פליסטערט שטיל צו מיר:
„די בלומען זיינען אַראָפּגעפאַלן
פון אַ הייליקן בוזעם צו מיר!”

די פרייהייטס-געטין איז געפלויגן
שטיל דורך דער שקלאַפן-וועלט,
עס האָבן באַמערקט אירע הימלישע אויגן
דעם אָרעמען דיכטערס געצעלט.

בלאַס, אַליין, פון דער וועלט פאַרגעסן,
ווייט פון איר שמוץ און שוים,
איז ער מיט זיין פעדער אין האַנט געזעסן
פאַרטיפט אין אַ פרייהייטס-טרוים. —

מיט טרערן האָט די געטין געבליקט
אויף איר בלאַסן זינגער,
און האָט פון איר בוזעם די בלומען געפליקט
מיט ציטערנדע פינגער:

— „ער טרוימט פון מיר, ער בענקט נאָך מיר, —
גייט צו אים, שניי-ווייסע בלומען!
זאָגט, אַז איך שטיי ביי דער מענטשהייטס טיר,
וויל גיך צו דער מענטשהייט קומען!

„טרייסט זיין האַרץ, היילט זיינע וואונדן
מיט אייערע פערל-טרערן”.
און די געטין איז פאַרשוואונדן
צווישן די גאָלדענע שטערן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפט. די לבנה
שיינט, ווי זילבערנער שוים,

אָבער, וואו איז די בלומען-מתנה?
ס'איז געווען נאָר אַ טרוים, נאָר אַ טרוים!..

דער זיסער טרוים איז אַוועקגעשוואומען;
דאָך ווייס איך ניט, וואַרום
איך קען ניט פאַרגעסן די שניי-ווייסע בלומען
און זוך זיי אייביק אַרום.

She looked at me with her silver rays
And whispered in the blue:
"The flowers, they fell down my dear,
From a holy bosom to you.

"The freedom goddess quietly flew,
Over the slave-world bent,
Her heavenly eyes have spied
The poor poet's tent.

"Pale, alone, forgotten by the world,
Far from its filthy stream,
He sat there with a plume in his hand,
Steeped in a freedom dream.

"Tearfully the goddess gazed
At her pale singer
And tore the flowers from her bosom
With a trembling finger:

"He dreams of me, he yearns for me,
Go to him, snow white flowers!
Tell him I'm standing at humanity's gate,
And will enter in a few hours!

"Console his heart, heal his wounds
With your pearl-tears."
And among golden stars
The goddess disappears.

I woke up with a start. The moon shines
Amid a silver stream.

But where is the flower gift?
It was just a dream, just a dream!...

The sweet dream floated off;
But I don't know why or where:
I cannot forget the snow-white flowers
And seek them everywhere.

July 24, 1891

## YOYSEF BOVSHOVER

**1873-1915**

Born in Lubavitsh, Byelorussia. Received a religious education, but left at an early age for Riga where he learned German and knew Heine's poetry by heart. In 1891 came to America, invited by his brothers who immmigrated previously. Worked as a furrier in a sweatshop. Joined the anarchist movement and began writing poetry. At first, Bovshover was influenced by Edelshtat and other Yiddish proletarian poets, but around 1894 he developed his own style, influenced by English poetry, especially by Walt Whitman. Lived in New Haven, Connecticut, learned English, and published poetry in English in the anarchist *Liberty* under the pseudonym of Basil Dahl (e.g., "To The Toilers," March 7, 1896, with the editor's enthusiastic endorsement). His English poems were subsequently translated into Yiddish in the Soviet Union. Also wrote prose and essays, published critical biographies (including verse translations) of Heinrich Heine, Ralph Waldo Emerson, Walt Whitman, and Edwin Markham in Yiddish. His translation of Shakespeare's "Merchant of Venice" was performed by Jacob Adler in the Yiddish theater. Poverty and mental illness led to his incarceration in a mental hospital in Poughkipsee, NY, where he spent the last fifteen years of his life, to the dismay of Yiddish literary critics. After his death, Bovshover was included among the four founders of Yiddish proletarian poetry.



י. באָװשאָװער

# רעוואָלוציאָן

איך קום ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הויבט אָן צו טאָגען;
איך קום ווי אַ בייזער געוויטער פון בליץ און פון דונער געטראָגען;
איך קום ווי אַ גלוטיגע לאַווע פון וואָלקען־בעדעקטע וואולקאַנען;
איך קום ווי דער שטורעם פון צפון, וואָס וועקט און ערשרעקט אָקעאַנען.

איך קום, ווייל עס האָבען טיראַנען פערוואַנדעלט די פעלקער אין טראָהנען;
איך קום, ווייל מען פיטערט דעם פריעדען מיט פולווער און בליי און קאַנאָנען;
איך קום, ווייל די וועלט איז צוטהיילט און דער בונד פון דער מענשהייט צוריסען;
איך קום, ווייל מען וויל פאַר דעם צייט־גייסט דעם ענדלאָזען וועלט־רוים פערשליסען.—

איך קום, ווייל איך בין אין דער מדבר פון הערשאַפט געבאָרען געוואָרען;
איך קום, ווייל עס האָבען די הערשער געוועקט און ערצויגען מיין צאָרן;
איך קום, ווייל די מענשליכע ברוסט קען די זריעה פון לעבען ניט טויטען;
איך קום, ווייל מען קען ניט די פרייהייט אויף אייביג פערשמידען אין קייטען. —

איך האָב די געקנעכטעטע פעלקער געפיהרט אין די פריהערע צייטען
און האָב זיי געהאָלפען די שענדליכע קנעכטשאַפט אויף פרייהייט פערבייטען,
איך בין מיט דעם פאָרטשריט געגאַנגען, די וועלט איהם געהאָלפען בענייען,
און געהן וועל איך היינט מיט די פעלקער, און וועל זיי אין גאַנצען בעפרייען.

און איך, איהר געהייליגטע געלד־זעק, געזאַלבטע, געקרוינטע באַנדיטען,
איך וועל אייך פערניכטען מיט אייערע פאַלשע געזעצע און זיטען,
און אייערע הערצער, וואָס שמאַכטען נאָך מענשען־בלוט, וועל איך דערשטעכען,
און אייערע קרוינען און סצעפטער, די גאָלדענע, וועל איך צוברעכען!

איך וועל אייער פאַרביגען פורפור, ווי שמאַטעס אין שטיקלעך צופליקען,
צו וועלכע דאָס פאָלק האָט געיובעלט אין נאַרישער פרייד און ענטציקען, —
פערליערען וועט אייער פערפראָרענע וועלט איהר בלענד־שיין דעם שטאָלצען,
אַזוי ווי דער שנעע, וועלכער פאַלט פון די אייז־בערג, פון זונ־שיין צושמאָלצען!

פערניכטען וועל איך אייער שפינוועב־מאָראַל און די אוראַלטע ליגען,
און אייערע פפאַפען, די פינסטערע, וועל איך דערשטיקען ווי פליגען,
און אייערע הימלען, און אייערע שדים, און אייערע געטער,
איך וועל זיי צושטערען, און ריין וועל איך מאַכען די ערד און דעם עטהער! —

און מעגט איהר מיך ווערגען, און שיסען און הענגען — אומזאָנסט אייער מיהע!
מיך שרעקט ניט קיין קערקער, מיך שרעקט קיין שאַפאָט ניט, מיך שרעקט ניט קיין תליה!
אַרויסוואַקסען וועל איך פון דר'ערד און איך וועל זי מיט וואַפען בעדעקען,
ביז איהר וועט אויף אייביג פערזינקען, ביז אייך וועט דער קבר פערמעקען! —

## Revolution

I come like a proud, flaming comet, like the sun when the day starts to rise;
I come like a raging, high storm, with thunder and flash in the skies;
I come like a pouring hot lava from volcanoes forever in motion;
I come like a storm from the north, that frightens and wakes every ocean.

I come, for the tyrants have turned the nations to thrones full of dread;
I come, for they nourish the peace with cannons and powder and lead;
I come, for the world is divided, humanity's bond torn apart;
I come, for they're closing the cosmos for our generation's heart. --

I come, for in deserts of power I was born and came of age;
I come, for the powerful have awakened and nourished my rage;
I come, for humanity's breast cannot kill the strong seed of life;
I come, for no one can forever forge in chains human freedom's strife. --

I led the enslaved hungry peoples in earlier generations, too,
I helped them to shed their slavery, to change it for freedom anew,
I walked along with all progress, helped it pave for itself a new way,
And I'll walk with the nations again and will free them from bondage today.

And you, holy sacks of gold, anointed bandits, crowned fools,
I shall annihilate you with your false laws and customs and rules,
And your hearts yearning for blood, I shall pierce with a pointed stake,
And your crowns and scepters of gold, in my rage I shall break, I shall break!

And your colorful purple, I shall rend into pieces like tatters,
That the people used to admire in their silly enjoyment that shatters, --
Your frozen world will then lose its shining, blinding ways,
As the snow falling down from white glaciers will melt in the sun's rays!

And I shall annihilate then your spiderweb morals, old lies,
And your priests, the sinister dark ones, I shall stifle to death like flies,
And your skies and your ghosts and your gods you set up in our lives everywhere,
I shall smash and destroy, and pure will I make all the earth and the air! --

And if you will choke me and hang me and shoot me -- your effort is vain!
I do not fear any dungeon, guillotines, gallows, or pain!
I shall emerge from the earth, with weapons I'll cover it brave,
Until you will sink forever, you will be wiped out by the grave! --

# א געזאַנג צום פֿאָלק

הויב אויף דיינע אויגען, אָ פֿאָלק, וואָס דו ביזט
אַזוי עלענד און אָרעם,
הויב אויף דיינע אויגען צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און זעה די געזאַמעלטע אוצרות, און זעה
פון דיין אַרבייט די פירות,
און זעה דעם געבליבענעם רייכטהום פון
פריהער געוועזענע דורות.

הויב אויף דיינע אויגען און זעה אויפ'ן ים
די געלאָדענע שיפען,
און זעה אין די דונקעלע וועלדער דעם רויך
פון די לאָקאָמאָטיפען,
און זעה, ווי זיי שוועבען און קומען געשווינד
פון אַ געגענד אַ ווייטען
און פיהרען אין אַנדערע לענדער פראָדוקטען
און סחורות צו בייטען.

הויב אויף דיינע אויגען און זעה די
געמויערטע גרויסע פאַבריקען,
וואו אַרבייטער זעגען און הובלען, און וועבען,
און נעהען, און שטריקען,
און שמידען און פיילען, און טאָקען און שניצען,
און גלעטען און פוצען,
און שאַפען די וואַרע, און שאַפען דעם רייכטהום
צום מענשליכען נוצען.

און זעה די מאַשינען, די בלאַנקע, די ריעזיגע
אייזערנע שקלאַפען,
וואָס היטען די מענשליכע כחות און העלפען
די רייכטהימער שאַפען,
און זעה, ווי די ווילדע, די מעכטיגע קראַפט
דער נאַטור איז בעצוואונגען,
ווייל טיעף איז דער מענשליכער שכל אין
איהרע געהיימנים געדרונגען.

און ווייט אויף די בליהענדע, לוסטיגע פעלדער
הויב אויף דיינע אויגען
און זעה, ווי עס שטעהען די גאָלדענע זאַנגען
פון שווערקייט געבויגען,
און זעה אין די פּרעכטיגע גערטנער די בוימער
מיט פרוכטען בעהאַנגען,
און פויגעל ערפילען די צווייגען, ערפילען
די לופט מיט געזאַנגען.

און זעה, ווי די זאַפטיגע ווייַנטרויבען ווערן
געטראָטען אין קעלטער,
דער וויין ווערט געגאָסען אין פעסער צו ווערען
געשמאַקער און עלטער,
אום שפּעטער צו זידען אין בעכער, די מענשליכע
הערץ צו ערפרעהען,
ערוועקענדיג האָפנונג און ליעבע, פעריאָגענדיג
שמערצען און וועהען.

און זעה, ווי די גאַנצע נאַטור איז בערייט צו
פערזיסען דיין לעבען,
און פיהל אין דיין ברוסט אַ פערלאַנגען און פיהל אין
דיין הערצען אַ שטרעבען,
און מוטהיג אין ריעזיגע מחנות שטרעק אוים דיינע
הענד, די פערדאַרטע, —
גענוג שוין צו זיין די בערויבטע! גענוג שוין
צו זיין די גענאַרטע!

הויב אויף דיינע אויגען, אָ פֿאָלק, געה אַרוים פון
די פינסטערע קברים,
הויב אויף דיינע אויגען צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און נ ע ה ם די גע'ירש'ענטע אוצרות און נ ע ה ם
פון דיין אַרבייט די פירות,
און שאַפענדיג לעב און געניסענדיג שאַף
אין די פרייערע דורות! —

## A Song to the People

Lift up your eyes, oh my people, from your misery, rise and go forth,
Lift up your eyes to the east, to the west, to the south, to the north
And see the assembled treasures, the fruit of your labor's creations,
And see the collected riches of all the past generations.

Lift up your eyes and see the loaded ships on the ocean,
See the smoke in the dark forests of a locomotive in motion,
See how they float from afar, a speedy merchant brigade,
And carry to other lands the products and wares for trade.

Lift up your eyes and see the factory walls that grow,
Where workers saw and plane and weave and knit and sew,
And forge and file and carve and chisel and sand and brace,
And create wares and create riches for the human race.

See the machine, the gigantic, blank iron slave,
Guarding human strength, helping wealth to create and save;
See how the wild, mighty force of nature is subdued,
For human reason did its deep secrets intrude.

To the blooming, joyous fields, lift up to the distance your eyes
And see the golden stalks bending heavy under the skies;
See in magnificent gardens the trees hung heavy with fruit,
And birds fill all the branches, fill the air with song and flute.

See how the plump juicy grapes are crushed in the press into wine,
And the wine is poured into barrels, to make it aged and fine,
And later it bubbles in goblets, and warms a human heart,
Waking hope and love, chasing out all pains that smart.

See how all of nature is prepared to sweeten your lives,
And feel in your breast a yearning, feel how your heart strives,
And brave, in tremendous armies, stretch out your shrivelled hands, --
Enough being robbed and fooled! Rise up and shake off your bands!

Lift up your eyes, oh my people, from your graves, rise and go forth,
Lift up your eyes to the east, to the west, to the south, to the north
And *take* the inherited treasures, *take* the fruit of your labor's creations,
And live creating, and enjoying create in the freer generations! --

# צום פאָלק

.1

איך האַס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק,
אין דיין געשפּרעך געפין איך קיין פערשטאַנד,
דיין שאַרפער וויטץ ערשיינט מיר אָבגעשמאַקט,
דיין פלאַכע פרייד איז ניט די מייניגע,
און דאָך ווי אַכט איך און בעוואונדער דיך!
דיין שווערע מיה, דיין לעבען אָהנע רוה,
דיין ריעזען־קראַפט, דיין שטילע טהעטיגקייט,
די וואונדערווערקע דיינע, ווען איך זעה —
דאַן שטעה איך שטיל און האָב רעספּעקט פאַר דיר.
דער פעלז איז מעכטיג אין דער וויסטעניס,
דער וואַלד איז אימה׳דיג אין צייט פון שטורם,
דער שטראָם איז שרעקליך אין זיין ווילדען האַסט,
דאָך פעלז און וואַלד און שטראָם פערשווינדען גלייך,
ווען דו בעריהרסט זיי מיט דיין שטאַרקער האַנד,
וואָלסטו פעראייניגט שכל מיט דיין קראַפט,
ווי גרוים, ווי גליקליך וואָלסטו דאַן געווען?

.2

דו נעהמסט זיך איבער מיט דעם נאָמען מענש
און זאָגסט, דו ביזט דער קעניג דער נאַטור —
פערשטעהסטו וואָס עס הייסט צו זיין אַ מענש?
עס בויט דער אָדלער זיך אַ נעסט ווי דו,

די שוואַכע פליעג פערמעהרט זיך זאָ ווי דו,
די קליינע מילב איז פלייסיג זאָ ווי דו —
און וואָס בעשטעהט דיין הויכע מענשליכקייט?
ביזטו דאָס קליגסטע וועזען אויף דער ערד?
פערשטעהסטו זיך, פערשטעהסטו די נאַטור?
האָסטו געפיהל פאַר שעהנקייט, קונסט און פראַכט?
געפינסטו לוסט אין פרייהייט, פרייד און לוסט?
ביזטו גענייגט צו פריעדען, רוה און גליק?
זאָג, איז דיין פריינדשאַפט גרוים, דיין ליעבע ריין?
אויב ניט, וואָס ביזטו דען? וואָס ביזטו דען? —

**To the People**

1.

I hate your dumbness and your blindness, people,
I find no reason in your daily chatter,
All your sharp wit seems tasteless to my ear,
Your shallow joy is not my joy at all,
And yet I do respect, admire you still!
Your heavy toil, your life that knows no rest,
Your giant might, your quiet activity,
Your wonder-works, whenever those I see --
I stand still there and feel respect for you.
The rock is mighty in the desert waste,
The forest awesome in a time of storm,
The torrent terrifying in its haste,
But rock and woods and torrent disappear
When you approach them with your mighty hand,
Had you but joined your reason with your might,
How great, how happy then you would have been.

2.

Oh, you are boasting with the name of man,
You call yourself the emperor of nature --
But do you understand what it means, "man?"
The eagle builds his lofty nest like you,
The weakling fly, it multiplies like you,
The tiny gnat is diligent like you --
What is your high humanity made of?
Are you the wisest creature on the earth?
You understand yourself? You fathom nature?
Have you a sense of beauty, art and splendor?
Have you desire for freedom, joy and lust?
Are you inclined to peace and happiness?
Say, is your friendship great, is your love pure?
If not, what are you then? What are you then? --

3.

דו לעבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס לעבן איז,
דו שטאַרבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס שטאַרבן איז,
דו גלויבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס גלויבן איז,
דו האָפסט און ווייסט ניט וואָס דאָס האָפען איז.
וואָלסטו פערשטאַנען וואָס דאָס לעבען איז,
און אויך פערשטאַנען וואָס דאָס שטאַרבען איז,
וואָלסטו פערשטאַנען וואָס דאָס גלויבען איז
און אויך פערשטאַנען וואָס דאָס האָפען איז —
דאַן וואָלסטו ניט געלעבט אין שווערער נויט,
און ניט געשטאָרבען אָפט ניט לעבענדיג,
דאַן וואָלסטו ניט געגלויבט אין ווינד און שטויב
און ניט געהאָפט אויף דאָס, וואָס קען ניט זיין.
דיין בלייך געזיכט וואָלט זיין פון קרעפטען רויט,
און פריידען־העל וואָלט זיין דיין דונק׳לע אויג,
דיין שוואַכע האַנד וואָלט זיין ווי אייזען שטאַרק,
און הירשען־פלינק דיין קרעפטענלאָזער פוס.
דיין הערץ וואָלט פיהלען, אָבער זיפצען ניט,
דיין קאָפּ וואָלט דענקען, אָבער זאָרגען ניט,
דיין מויל וואָלט ריידען, אָבער פלוכען ניט:
דיין יעדעס וואָרט וואָלט זיין אַ זיסער קלאַנג,
און דו — אַ פריהלינג אויף דער שעהנער ערד.

4.

איהר זיצט געדריקט אין רייכע, גרויסע שטעדט,
וואו יעדע הויז איז ווי אַ פעסטונג הויך.
האָט איהר דען מורא דאָס די פרישע לופט,
וואָס וועהט צו אייך פון וואַלד, און פעלד, און טהאָל
וועט אייך דערשטיקען ווי אַ בייזער פיינד?
איז אייך די ענגקייט און דער טומעל ליעב?
איז אייך דער דלות און דער עלענד זיס?
איז אייך די וועלט ניט ליעב אָהן שטויב און שמוץ?
צושטערט די טורמעס, וואו איהר זייט געדריקט!
לאָזט הינטער זיך דעם רעש און די זינד
און קעהרט זיך אום צו דער נאַטור צוריק.
פערשפרייט זיך אויף דער שעהנער, ברייטער ערד
און בויט זיך שטעדטלעך ריין, און קליין, און רייך,
וואו יעדע וואוינונג זאָל אַ טעמפעל זיין,
שעהן פאַר דעם אויג און פאַר דעם גוף בעקוועם.
די פעלזען וועלען געבען שטיין גענוג,
די וועלדער וועלען געבען האָלץ גענוג,
און איהר האָט קרעפטען און פערשטאַנד גענוג.
זאָל איבער אייך דער הימעל גלענצען העל,
די שעהנע זון אייך לייכטען אונגעשטערט,
זאָל׳ן פויגעל זינגען אייך אַ מאָרגען־ליעד,
דער דופט פון פעלדער זאָל פערוויגען אייך.
זאָל׳ן אייערע גאַסען זיין ערפילט מיט פרייד,



3.

You live and know not what life is about,
You die and know not what death is about,
And you believe and know not what belief is,
You hope and know not what hope is about.
If you had understood what life's about,
And also understood what death's about,
If you had understood what is belief
And also understood what hope may be --
Then you would not have lived in misery,
Would not have died not having lived at all,
You would not have believed in wind and dust,
Would not have hoped for things that cannot be.
Your pallid face would flush with strength and vigor,
Your dark eye would then radiate with joy,
Your weakling arm would be like iron strong,
And your light legs as nimble as the deer.
Your heart would fill but would not have to sigh,
Your head would think but would not have to fret,
Your mouth would speak, but would not curse again:
Your every word would be a sweet soft sound,
And you -- a springtime on the blooming earth.

4.

You're pressed together in a rich metropolis
Where every house is towering as a fortress.
Is it that you are frightened of fresh air,
Coming to you from forest, field and valley,
Scared it will choke you like an evil foe?
Are you enamored of the density and noise?
Is all the poverty sweet to your taste?
You hate the world without its dust and dirt?
Destroy the prisons where you are oppressed!
And leave behind you the commotion and the sin
And come, turn back to nature once again.
Spread out over the beautiful wide earth
And build your towns, so clean and small and rich,
Where every dwelling will a temple be,
So comely to the eye and for the body good.

מיט פלייט, און צימבעל, און גיטאַרען־קלאַנג
זאָל אייער לעבען ווערען פריי און גרויס,
און איהר געזונד, און פריש, און לעבעדיג,
די אַלטע לייט ווי טענענבוימער פעסט,
די יונגע קינדער קרעפטיג, שעהן און גוט,
די יונגע לייט ווי צעדערבוימער שטאַרק,
בעקרוינט מיט שעהנקייט ווי דער גאָט פון ליכט,*)
און פול מיט לעבען ווי דאָס לעבען זעלבסט.
די מיידלעך׳ס באַקען צאַרט און ראָזען־רויט,
דער אָטהעם ריין און זיס, ווי בלומען־דופט,
די אויגען שטראַהלענדיג און ליעבעפאָל,
דאָס לאַכען טרעלענדיג און זילבער־העל —
ווי וואָלט עס מיך געפרעהט אייך זאָ צו זעהן!



*) אפאלא.



The rocks will furnish you with stone enough,
The woods will furnish you with wood enough,
And you have strength and wisdom well enough.
Above you, let the sky shine bright and warm,
The lovely sun will freely shed its light,
The birds will sing for you a morning song,
The fragrance of the fields will cradle you.
And let your streets be filled with endless joy,
With sound of flutes and cymbals and guitars
And let your life be free and great and bright,
And you so fresh and healthy and alive,
Your old will be as strong and firm as pines,
Young children, beautiful and good and hearty,
Young people solid as the cedar trees,
Crowned with their beauty like the god of light,[1]
And full of life they'll be as life itself.
The girls' cheeks so delicate and rosy-red,
Their breath as pure and sweet as flower-smells,
Their eyes so beaming and so filled with love,
Their laughter warbling and as silver bright --
How happy I would be to see you so!

1. Apollo.



ENDE